**דער האר:** איז גוט און רעכט, און דערווײַל איז מען פרײַ, און ביז מ'וועט רופן...

(ער טוט מיט דער האנט אף אָפּגיין א ווײַז, און אלע פרויען, און נאָך זיי די מענער, און אלע גייען אָפּ אהין, פונוואנען זיי זײַנען ארויסגעקומען. פון גאנצן אוילעם בלײַבט איבער נאָר א דינער. אז אלע גייען אָפּ און די סצענע בלײַבט ליידיק, ווענדעט זיך דער האר צו דעם, וואָס איז די גאנצע צײַט אפן גאניקל געזעסן און אלעס פאָרגעקומענע צוגעזעען, ער טוט אף אים א קוק און דאן צום דינער א באפויל)

**דער האר** (צום דינער)**:** ווײַן און צוויי בעכער!

(דער דינער לויפט אָפּ און ברענגט, וואָס מ'האָט געהייסן, גיסט די בעכערס אָן, איינעם גיט דעם האר אין האנט, דעם צווייטן — זײַן צווייטער העלפט. אָפּגעטון — באקומט א ווונק פון האר אף אָפּגיין און פארשווינדן. ער גייט אָפּ. אף דער סצענע דאן נאָר דער האר און דער, וואָס אפן גאניקל, בלײַבן).

**דער האר:** (צו זײַן צווייטער העלפט) און איצט, אז דו ביסט בא אונדזער אָנהייב געוועזן און אונדזער זאך אויסגעהערט, און געוויס פילסטו אונדז מיט, און געוויס וועסטו אויך בא אונדזער פרייד און ניצאָכן בײַזײַן, מוזטו דערום באלד אין וואלד אוועקגיין, דאָרט, ווו מיר ווילן דעם בישאָף געפינען, און דאָרט, ווהין אויך איך וועל אָנקומען. און איך גלויב, אז רויִק בלײַבן וועסטו שוין נישט קאָנען, און איך בין פארזיכערט, אז פון איצט אָן וועסטו שוין אין אונדזער שפיל אן אָנטייל נעמען, — טרינק איך דערום פאר דיר און פאר דײַן אָנטייל, פאר דיר און פאַר אלע אונדזעריקע, פאר אונדזער שפיל און פאר דער צווייטער סצענע... צו געזונט!

**זײַן צווייטע העלפט:** מיר טרינקען!

(ביידע טרינקען שטיל און לאנגזאם, און בעייס זייער טרינקען און די קויסעס בא די מײַלער אָנגעבויגן האלטנדיק, נעמט דער פאָרהאנג פאמעלעך־פאמעלעך זיך אראָפּצולאָזן).



אין דער מידבר אייגנס 2 (1920)
געזאַמלטע קיִעוו 1929
דער נסתר

# אין מידבער.

עפנט זיך אלע נאכט אין הימל א פענצטערל אוף שטעקט זיך דורך דאָרט א קאָפּ ארויס און זאָגט:

— ווער ס'איז א וואכנדיקער אצינד, ווער ס'איז אף נאכטלעגער אין פעלד געבליבן, אָדער ווער אין א שטאָט און אין א גאס אן עלנטער. זאָל ער אהערצו צוגיין, זאָל ער א האנט אויסשטרעקן, וועט מען אים ארופנעמען, וועט מען אים ארופברענגען.

דערזעט און דערהערט דעם קאָפּ ווען עמעצער, שטעלט ער זיך אונטער דעם פענצטערל און אונטער דעם הימל־אָפּענעם אנידער, טוט ער, ווי מ'האָט אים געהייסן, ווערט ער אין הימל אופגעבראכט, אין שטילן און אין דעמאָלטיקן, אין הויכן און אין באנאכטישן. דערזעט ער דאָרט:

ווײַט און פארלאָזט, ווי אופגעראָמט און אָפּגעליידיקט זעט דאן דער הימל און זײַן ווײַטער שעטעך אויס, פינצטערלעך און ווי נאָך אן אָוונט־געבעט, אנשוויגן און צוגעשלאָגן, ווי א געבעט הויז נאָך אָוונט; איז דאָרט דרימלענדיק און פוסט ארום, שלאָפט דאָרט אלץ, און ווי אף דער ערד דער שלעפעריקער, נאָר ווײַט און אין א ווינקל ערגעץ א שײַן אמאָל באווײַזט זיך, א שוואכע און א צאנקענדיקע, א פון־ווײַט־קומענדיקע און קאם־לײַכטנדיקע. גייט מען אהין צו, דערזעט מען דאָרט:

ארום א פײַערל, ארום אף־א־באָדן־ברענענדיקס עפּעס א הימל־איידע זיצן. אן אלטע און אף נאכט פארבליבענע, נישט קיין שלאָפנדיקע און וואָס טאָמיד אף די באנאכטן בלײַבט; זיצן זיי דאָרט ארום פײַערל אויסגעזעצט, אלע זײַנען זיי ערנסט און אין דער שאָ דער דעמאָלטיקער, שטילע און בארוטע — און אין דער

נאכט דער שפּעטער; זיצט צווישן זיי א גרײַזער זאָקן א הימל־
שער, א ציטערנדיקער און כּאָשעווער און פון אלע ארומיקע
א געערטער; הערן זיי זיך צו אים צו, צו אים און צו זײַן אלץ־
וויסן, צו זײַן אלטקייַט און גענִיטקײַט, און וואָס ער האָט געזען
און בײַגעוועזן, און וואָס ער האָט געהערט און אויך פון אנדערע,
און אלע אויגן זײַנען צו אים געקערעוועט, אלע אויגן צו זײַן
מויל און רייד — און ער דערציילט.

שטיל און פינצטערלעך איז ארום־און־ארום און אף אלע עקן
פארוואָרפענע דער הימל־באָדן ליידיק, ווי אָפּגעליידיקט און אָפּ־
געקערט און פון קיינעם נישט באזוכט דאן; אליין נאָר און אף
א האָריזאָנט ערגעץ א פארוקטן דער שטערן־בער דאָרט דרייט זיך,
מיטן שטערנדל אין קאָפּ, און אפן מויל אים זײַן מויל־שלאָס;
און בעריש און בא־דר׳ערדיק, און שווארץ און שווער־גופיק, און
מיטן מויל און ער נישטערט, און מיטן קאָפּ און קערפּער דעם
באָדן באשמעקט ער; זעלטן־זעלטן קוקט א מאָל אהין און אויך
צו דער איידע צו. קומט איר פון הינטן אָן, אונטער רוקנס און
אונטער פלייצעס זייערע, שטעלט זיך אָפּ און בלײַבט שטיין און
הערט אויך און הערט, און פון קיינעם און נישט אָנגעזען, און
פון קיינעם און נישט באמערקט; גייט ער זיך דערנאָך צוריק
אוועק, פארלאָזט ער זיי און אינמיטן, און שטיל און ווי אָנגע־
קומען, שווײַגנדיק און אזוי ווי ער איז צוגעגאנגען, אף ווײַטער
גיין און אף צו זוכן, אף אכטונג געבן און אלץ אין הימל ארום־
קוקן, און אלץ ארומזען און באטראכטן, אף נאכטישן און ווי בא־
וואָרענען, און — אליין און נישט געדרעמלט איבער אל־דאָרט דעם
דרעמלענדיקן.

און דער אלטער דערציילט און די איבעריקע הערן.

און איין מאָל אין א באנאכט אזא מין האָט דער זאָקן אזוי
דערציילט:

— אמאָל אין א פארטאָג א גרויסן איז אין די ווײַטסטע
הימלען קאוועיאָכל פאר דער קדושע דער פרימאָרגנדיקער אף
זײַן קיסע־האקאָוועד געזעסן... שטיל און וועלט־שטילקײַט האָט
דאן אף דעם אָרט דאָרט גערוט... אן אומגעהײַערע מאלאָכים־ראָד,
א ווײַטע און אן אויסגעשטעלטע, א קײַלעכיקע און פון א פארנעם



א גוואלדיקן האָט קאוועיאָכלען אין זײַן מיט און זיצן ארומגע־
רינגלט; א בלאָע ליכט א סאָף־נאכטישע, א שוואכלעכע און א
האלבלעכע, האָט איבער אלץ און אלעם דאָרט און ארום־און־ארום
געהערשט, א ווײַסער כעסעד־פּאָדעם האָט זיך פון איבער זײַן
שטול און פון קאוועיאָכלס מיט און קאָוועד ארויסגעצויגן, ארויס־
געצויגן אין דאָס בלויקײַט אָנגעזען געמאכט, ארויסגעגאנגען און
ווי מיט טאָג אין נאכט ארײַנגעגעקומען.

האָט קאוועיאָכל דאן פון זײַן מיט און שטילקײַט געקוקט, פאר־
טאָג און מיט מענוכע, און אלע האָבן אים מיט זייערע בליקן
געוואַרט, געוואָרט און זיך שטיל געהאלטן און מיט גאָרנישט און
מיט נישט דאָס שטילקײַט יענץ נישט געשטערט — נישט מיט קיין
ריר און מיט קיין באוועגונג, נישט מיט קיין פליגל און מיט קיין
פּאָך קיין מינדסטן; האָבן זיי זיך אזוי געהאלטן, און א צײַט און
א לאנגע צײַט.

האָט זיך פלוצים אין שטילקײַט יענער דער הייליקער גײַסט
אין געשטאלט און אין פאָרם פון א טײַבעלע א ווײַס זיך באוויזן
און פארן קיסע־האקאָוועד געקומען, האָט ער פריִער ארום קאוועיאָכ־
לען זיצנדיקן שוועבן און רעדלעך מאכן גענומען, ארומגעפלויגן
און געזעדלט שווײַגנדיק, דערנאָך צו אים צוגעטראָטן און גע־
פרייט זיך, אונטערגעקומען און אים געהייליקט, און דאן — און
מיט ציטערניש גרויסן, מיט פּאָרכט און ערע גרעסערער האָט
פאר זײַן פּאָנעם זײַן ליכטיקן זיך אָפּגעשטעלט, און אים אזוי
א פרעג געטון:

— צי דען ווייסט נישט קאוועיאָכל פון זײַן ערד און זײַן
מידבער דאָרט דער גרויסער?

— ער ווייסט — האָט קאוועיאָכל געענטפער׳ט.

— און צי ווייסט ער אויך פון זײַן נאָזיר, פון זײַן׳ דינער
דאָרט דעם הייליקן?

— ער ווייסט — האָט קאוועיאָכל ווײַטער געענטפערט.

און דער גײַסט האָט זיך אָפּגעשטעלט און אויסגעוואַרט א
ווײַלע, דערנאָכדעם צוגעגעבן און צום לעצטן מאָל געפרעגט:

— און צי וואָלט ער אים איצט אין זײַן פרימאָרגן־טפילע און
אין זײַן מידבער־געבעט זען געוואָלט?

— געוואָלט — האָט קאוועיאָכל נישט דערקעגן געהאט.

— זאָל ער־זשע איצט מיט אונדז אלע אף דער ערד זיך אראָפּלאָזן און פון די ווײַטע הימלען צו דער מידבער שוועבן.

— שוועבן...

און אופגעהויבן האָט זיך קאוועיאָכל פון דער שטול און פון שטילקײַט דאן דעם רויקן, ער פארפריער און דער גײַסט באלד נאָך אים, ער פּאָרויס און נאָך אים די ראָד צענומען, און שטיל און שווײַגנדיק, מיט כאיל פּיל און מיט מאכנע אויסגעשטעלטער, פון אָרט און קעדושעדיקן זיך אָפּגעטון, און שטיל און פון הימלען אראָפּ, מיט פארטאָג און מיט פליגלען פּאָרכטיקע צו דער ערד און צו דער מידבער זיך אוועקגעלאָזט.

און אָנגעקומען זײַנען זיי אהין צום אָרט צו יענעם אינדערפרי און צום זונען־אופגאנג: ווײַט און רויט, נאכטיש און מידבעריש איז די זון נאָך אפן האָריזאָנט און אין עק־הימל געשטאנען, טויט און זאמד־רו האָבן נאָך אף מײַלן און אין טאָג־לופט געהערשט, בערג זײַנען נאָך דער נאכט נאָך בלאסע און אָפּגעצערטע געשטאנען, זאמדן און גראָזן הארטע האָבן זיך נאָך אין טונקלקײַט געקילט, און מײַלן ארום האָבן מיט טאָגן געטאָגט, און די מידבער האָט דאן געשוויגן טאָגנדיק. האָט די זון אף דעם אלעמען פון האָריזאָנט ארויסגעקוקט, געקוקט און ווי אויסגעוואַרט, ארויסגיין צי ניין, אָנקומען, צי אפן הימל־עק בלײַבן, און דערווײַל און נאָך געשטאנען זאמענדיק, און דערווײַל און ווי נאָך צײַט און יישעוו געהאט...

האָט זיך פלוצלים דער הימל דאָרט, ווי גרויס ער איז געווען, איבער מידבערשן אין איבער שעטעך אומגעהייערן אופגעעפנט, און קאוועיאָכל אינדערמיט און מאלאָכים ארום אים האָבן פאר דער ע־רד און פאר וואָס אונטן איז געווען, פאר פארטאָג און פאר פארטאָג־פּאָרזיכטיקײַט זיך באוויזן.

און דערזעען האָבן זיי, ווי שטיל און איינער אליין, אין מידבער אין פאר א זאמד־בארג פאר איינעם, איז א מענטש דאָרט קניִענדיק געלעגן, און שטיל און פאר דער זון דער ווײַטער זײַן פרימאָרגן־געבעט געבעטן.



געקניט און מיטן פּאָנעם צו מיזרעך געקערעוועט, האָט ער פאר מידבער און פאר גראָזן, פאר טאָג און זײַן ארויסגיין מיספאלעל געווען, פאר זון און איר אין־מידבער־זײַן אין פאר איר ליכט דאָרט דער פארגאָסענער, פאר דער זאמד און איר לעכצן, און נאָך א טראָפּן איר כאלעשן, פאר לופט און דער אָנגעגליטער און ארום איר קיין שאָטנדל: קיין וועג און קיין פויגל, קיין קומען און אָנקומען; און דער טאָג איז א גרויסער, און קיינער באפוילט אים, און קיינער נישט ווײַזט זיך פאר אים אין עק הימלען, אין קיינער דאָרט זעט אים — זײַן גרייס און זײַן אומעט: קיין פּאָרער, קיין גייער אף זײַן סטעזשקע ניט טרעטן, קיין וואָלקן דערמאָנט אים נישט איין מאָל, נישט קיינמאָל, אליין נאָר די היץ און ארום די צעגליטע, אליין נאָר דאָס ברענען אף ווײַט און מיט פײַער, אליין אויך דער מענטש און נאָר איינער, וואָס טאָגט דאָרט, און זעט אים, באגלייט אים פון אופשטיין ביז לייגן, אינדערפרי מיט א טפילע און פארנאכט, און ער בעט אים מעכילע בא אים פאר זײַן צאר און זײַן מיִונג, פאר זײַן עלנט און פוסטקײַט און גאָר־נישט־געבוירן: „זאָל מויכל זײַן טאָג, קאָדעש־טאָג אין דער מידבער, קאוועיאָכלען זײַן טיילן, וואָס ער האָט פארטיילט אים, קאוועיאָכלען זײַן זען, וואָס ער האָט פארזען אים, ווײַל מיסטאם איז זײַן מיין און ווי טאָמיד פארהוילן, און זײַן דארף אזוי, ווי זײַן ווילן געוואָלט האָט״.

און אויסגעהערט האָט קאוועיאָכל אין דער הויך אין הימל אויבן דעם מענטשן און זײַן טפילע און אין זײַן קניִען אונטן; אויסגעהערט, און אז דער מענטש האָט זײַן פּאָנעם פון דער ערד אופגעהויבן, און די זון נאָך נישט קיין אופגעגאנגענע געפונען, די מידבער איז נאָך בלאס געווען, און דעם הימל אף דער מידבער הויך און אופגעעפנט געטראָפן, — אזוי האָט ער מיטאמאָל און דערשראָקן זײַן קאָפּ אף ארויף און אף הימל־מיט א הייב געטון, און קאוועיאָכלען אין דער הויך און ארום אים די מאלאָכים אלע אין א ראָד און אין א קײַלעכיקער, אראָפּקוקנדיק און פונקט אף אים די אויגן און די קעפּ זייערע אָנגעשטעלט, דערזען.

האָט ער באלד ווידעראמאָל צו דער ערד א פאל געטון, האָט ער דעם קאָפּ אין זאמד באגראָבן און אין באגרעבעניש די אויגן

געשלאָסן, און שטיל און מיט ראכמים נאָר פון אונטן אַרוף, און פון זײַן ליג־אָרט צום הימל געשעפּטשעט:

— וואָס וויל דער האר פון זײַן קנעכט האָבן?

— שטיי אוף! — האָט זיך פון הימל און איבער זײַן קאָפּ א קאָל דערהערט.

— כ׳בין נישט אימשטאנד און נישט זויכע.

— שטיי אוף! — האָט אים דאָס קאָל צום צווייטן מאָל באַפוילן.

און אז דער מענטש האָט געפּאָלגט און פון דער ערד און געפאלנקײַט אופגעשטאנען און דעם קאָפּ דאָך אראָפּגעהאלטן, די אויגן צו דער ערד און די בליקן צו די פּיס געקערעוועט, האָט זיך דאן ווידעראמאָל דאָס קאָל פון הימל און איבער זײַן קאָפּ דערהערט און אים אזוי געפרעגט:

— און ווי פון לאנג שוין וווינט דער מענטש אין דער מידבער?

— פון מײַן יוגנט, און זינט מײַן סייכל איז מיר געגעבן.

— און ביז ווי לאנג נאָך בלײַבט דער מענטש אין דער מידבער?

— ביז דער באגער און דעם הימלס ווילן וועט זײַן.

און אנטשוויגן געבליבן און מער נישט געפרעגט האָט אים שוין דאָס קאָל פון דער הויך און וואָס פון הימל־געקומען. איז דאָס אנטשוויגן געוואָרן. איז דער מענטש אזוי פון אונטן געשטאנען און די אויגן ארוף און צו די הימל־פארזאמלטע נישט אופגעהויבן; איז ער אזוי געשטאנען. קאוועיאָכל האָט אים אין זײַן שטיין און אין זײַן ערד־אָנגעבויגנקײַט געזעען און לאנג אף זײַן אונטערטעניקײַט און אף זײַן האכנאָע־קאָפּ געקוקט; האָט ער אים באטראכט, האָט די טויב די הייליקע שטיל און אין יענער צײַט ווידער ארום קאוויאָכלען ארומשוועבן און ארומדרייען זיך גענומען, ארום אים רעדלעך מאכן און אים הייליקן, אים לויבן און מיט לופט און טײַבל־פרייד זיך פרייען. און אז זי האָט זיך אָפּגעפרייט, און אז דער גײַסט דער הייליקער האָט זיך פון לויב און ליבן אָפּגעשטעלט און שטיין געבליבן, און אז אלע, וואָס האָבן דאָס צוגעזען, האָבן געקוקט און אָפּגעקוקט, און זייער צײַט איז



אריבער — האָט זיך קאוועיאָכל דאן שטיל און פון זײַן מיט־אָרט דערהויבן און אין די וואָלקנס פארשוווּנדן, נאָך אים דער גײַסט דער הייליקער און פון זײַן פארשווּנדנקײַט נישט אָפּגעשטאנען, און נאָכן גײַסט די מאלאָכים־ראָד — און אין יענעם אָפּפלי־וועג פארפלויגן.

איז דער הימל דאן א צײַט אָפּגעראמט און אליין, אופגעעפנט און מיט קיינעם נישט פארנומען געווען, איז ער אזוי געשטאנען און געוואורט. האָט ער זיך דערנאָכדעם פארמאכט, האָט ער זיך געשלאָסן, איז דער מענטש דאן אונטער זײַן פארשלאָסנקײַט אליין און ווי געווען, אין דער מידבער און אין פרימאָרגן געבליבן. און... דאָ הייבט זיך ערשט דער איקער מײַסע אָן.

## א.

שטיל און נישט באמערקט פון קיינעם האָט זיך בעשאסן הימל־שליסן פון הימל און פון א זײַט, פון דער הייך און פון אונטער די מאלאָכים — א קליינס און א וואָלקנדיקס, א פיצלדיקס און ווי א שאָטנדל זיך אָפּגעטיילט, און שטיל און אָן שאָרך אָן מינדסטן, שטילער, און אָן פליגל־פּאָך אפילע, פארשטעלט און פויגלדיק, אף דער מידבער און אף דער ערד זיך אראָפּגעלאָזט.

דאָס איז דער סאָטן מיט זײַן קינע פארבאָרגענער, דער סאָטן מיט זײַן מיין זײַן טאָמידיקן, אהין און צום הייליקן, אף אים זען און אף אים דערקענען, אראָפּגעקומען.

וואָרעם ווײַט און פארוקט איז ער אין דער פרי און פאר דער קעדושע דער פרימאָרגנדיקער אין הימל און מין האצאד ערגעץ געשטאנען. האָט ער דעם הייליקן גײַסטס פרייד און זײַן פאר קאוועיאָכלס בארימען־זיך געזעען, האָט ער דאָס צוגעקוקט און בײַגעווען, האָט ער געשוויגן און זיך שטיל געהאלטן, זיך אײַנגעהויקערט און אין זײַן זײַט־אָרט פארשטעקט. און דערנאָך, און אז אלע האָבן זיך פון יענעם אָרט אָפּגעטון און צו דער מידבער זיך אוועקגעלאָזט, איז אויך ער דאן ווי א פויגל א פארשפּעטיקטער הינטן און נישט באמערקט פון קיינעם נאָך דער מאכנע

נאָכגעפלויגן, צום הימל עפּענען אָנגעקומען און אלץ, וואָס דעמאָלט איז געווען, צוגעזען. און לעכאָף, און אז דער הימל האָט זיך געשלאָסן, און אז אלע האָבן אים פארלאָזט און צוריק און אין די הויכן פארפלויגן, — האָט ער דאן, קליין און ווי א שאָטנדל, ווי א פלעק און א טונקעלער, פון הימל אראָפּגעני׳דערט, און לאנג און אפן טאָג, ווײַט און אין דער מידבער־ווײַטקײַט, אליין אף זיך צו באטראכטן און אליין אף זיך אן אייצע האלטן געבליבן...

לאנג און דעם טאָג דעם גאנצן איז ער אזוי אף זײַן אָרט און ווי באגראָבן, אײַנגעבויגן און מיטן קאָפּ צו דר׳ערד, געזעסן, נישט אף דער ווײַט און נישט אף דער מידבער, נישט אף דער זאמד און נישט אף ארום געקוקט, נאָר שטיל און אליין, פאראָרגט און ארײַנגעטראכט געווען.

די זון האָט אים דעם רוקן געברענט און זײַן שאָטן־אָרט באַלויכטן, די מידבער האָט זײַן באגרעבעניש געזען, זײַן פארטיפט זײַן און זײַן אײַנגעהויקערטקײַט דאָרטן, האָט זי אים און זײַן קערפּער א קליין ערטעלע נאָר אָפּגעטיילט, און זײַן שאָטנדיקײַט אוועקמאכן און צו־נישט מאכן געוואָלט. איז ער אָבער הארט און פארביסן אף זײַן אָרט געזעסן, האָט ער קליין, אָבער פינצטער, דעם גרויסן ליכטיקײַט נישט אָפּגעטראָטן, נישט קיין שאָ און נישט צוויי, נישט דעם פרימאָרגן, און נישט נאָך־האלבן־טאָג.

די זון האָט געברענט, און ער איז אף זײַן אָרט געבליבן, די זאמד האָט געגליט, און ער האָט נישט אָפּגעטראָטן.

האָט די זון זײַן אָרט און זײַן זיצנדיקס, זײַן פארפעסטיקטס און נישט־אָפּגעטרעטנס פארלאָזט, אליין אפן טאָג און אף מידבער זיך אוועקגעלאָזט, די גאנצע צײַט אף דער מידבער און אף דער מיט דאָס שווארץ פארזעעניש געזען, דאָס זיך־שטיל־האלטן און זיך־נישט־רירן, דאָס אויסוואַרטן און ווי ביז דעמס צײַט וועט קומען, — און אז די זון איז לעסאָף שוין צו מײַרעוו־זײַט געקומען, און אף דער לענג און אף דער ברייט האָבן זיך אף מידבער און איר גרייס שאָטנס און טונקלקײַט ציִען גענומען, פון האָריזאָנטן און פון ווײַט, פון עקן און פון אָנקומען, פון דער שטיל און



דער אופגעגאנגענער, — האָט זי דעמאָלט אהין און צו יענעם אָרט, צום טאָג־פלעק און צו דעם סאָטן־זיצן א קוק געטון און — דערזעען:

שטיל און אויסגעוואקסן, אופגעהויבן און אויסגעגלײַכט האָט זיך פארן טאָג דעם גאנצן איצט דאָס פארזעעניש דאָס שאָטנדיקע, זיכער און ארומזעענדיק זיך, באָטועכער און גלויביקער האָט זיך עס איצט פון דער ערד אופגעהויבן, אף ארום־און־ארום, אף די שאָטנס און וואָס מערן זיך ארומגעקוקט, ווי זיי קומען אָן און ווערן גרעסער, דערנעענטערן זיך און צו זײַן אָרט דעם אויסגעזעסענעם; האָט עס זיך געשטארקט, האָט עס זיך איבערנעמענדיק און ווי שוין אײַנעמענדיק צו דער זון דער פארגייענדיקער און צו דער אף נאכט אנטשוויגענער געקוקט, מיט שטאָלץ און גרויס בא זיך, מיט ניצאָכן און וואָס האָט נאָך באטאָג געוווסט... האָט עס נאָך געווארט און געשטאנען א ווײַלע, ביז די זון וועט זיך זעצן, און די מידבער וועט דער נאכט זיך אונטערגעבן. און אז ס׳האָט זיך אויסגעווארט, אז שטיל און ארום־און־ארום האָבן זיך נאָך זון־פארגיין די זאמדן באלייגט, און טונקלקײַט און שווײַגעדיקײַט זײַנען פון אלע ווײַטן און האָריזאָנטן אהער און צו מידבער־בעט און אף נאכט געקומען, — האָט זיך עס פון אָרט דאן אָפּגעטיילט, פון לאנגן און אויסגעווארטן, פון גאנצטאָגעדיקן און אויך איצטיקן, האָט זיך עס ארויסגעשפאנט, און אין געשטאלט פון א בריִעלע א צווייפיסיקס, א קליינס און באדרערדיקס, א מענטשעלע און א הויקערל, האָט אין מידבער און אף וועג, און צום אָרט, ווו דער הייליקער האָט געווינט, זיך אוועקגעלאָזט.

שטיל מיט שטילע שראָצים־טריט, נידעריק און אף א שטעקן אָנגעשפארט, איז זיך עס אזוי אף דער ערד און אף פארנאכטישן ארויסגעגאנגען.

פון זונען־שײַן איז שוין קיין זייכער נישט געווען, און די פארגיי־שטראלן זײַנען שוין אויסגעלאָשן די לעצטע, און אין מידבער האָט דאן א שטילקײַט געהערשט, אן אָוונטיקס און באשטענדיקס און פון קיינעם נישט געשטערטס, און קיין פויגל־פליגל האָט די מידבער נישט באפוילן, און קיין ווינט און ווינטעלע האָט איר שטויב נישט דערהויבן.

איז זיך דאָס הויקערל פון זיַין אָרט ארויסגעגאנגען, פון פארנאכטישן אף נאכט און אף מידבער בענימעס, און שטיל און מיט שטעקן־שפאן און מיט הויקער־זיפצעלעך פאמעלעך; און דאָס קלייד איז דעם ביז דר׳ערד געווען און ביז איבער די פיס־קנעכל דערגרייכט דאָרט, און לאנג און גרויס־ארבלדיק, פאָלעדיק און ברייט־בעזיריש.

האָט עס אין דעם געשפאנט, האָט עס מיט די הענטלעך און מיט די פיסלעך אין די ארבל און אין פאָלעס זיך געפלאָנטעט, האָט עס אלעמאָל דעם שטעקן אין זאמד אריַינגעשטעקט און מיט מי און מיט שווערקיַיט, מיט פיס און טריט אים נאָכגעטרעטן, דעם שטעקן, און אזוי און אים נאָכטרעטנדיק און אזוי און פון אים נישט אָפּשטייענדיק, איז לעסאָף אין אָוונט און אין שפּעטן פאר דער הייל און פאר דעם הייליקנס צוגעקומען און צוקומענדיק אָט־וואָס דערזעען:

וויַיט אַון פון אלעם לעבעדיקן דערוויַיטערט, מידבעריש און פון גאָר דער וועלט ארויסגענומען, האָט טיף אין הייל באם הייליקן א נאכט־לעמפּעלע דאן געברענט, פון מידבער־גראָזן דער קנויט און פון בוימל, דורך א געבעט באקומען; האָט דאָס לעמפּעלע די ווענט און די סטעליע, דאָס הייל־טיפקיַיט און דאָס אָוונטיקע באלויכטן, און אף הויז־ראָד און קיילים דאָרטיקע, און אף טיר און אף שוועל פארשמאָלטע א שיַין געוואָרפן. איז דער הייליקער דאן אליין און פאר זיַין שלאָפן געווען, פאר זיַין געלעגער איז ער מיטן פּאָנעם צו דער וואנט געשטאנען, און פאר נאכט און פאר לייגן־זיך אין א טפילע און אין א זיַיניקער אריַינגעטון געווען.

איז דער הויקער נעענטער צו דער שוועל און צו דעם אריַינגאנג צוגעקומען, צוגעגאן און זיך שטיל באוויזן, שוויַיגנדיק און פארן אריבערטריט זיך פארהאלטן; איז ער אזוי שטיין געבליבן, האָט ער פריִער די הייל און דאָס אינעווייניקסטע ארומגעקוקט, דערנאָך דעם הייליקן און פאר זיַין וואנט־זיך־האלטן באטראכט, און געקוקט אף אים און נישט אופגעהערט, לאנג און לענגער, און פון זיין פּלייצע קיין אויג נישט אראָפּגענומען, און דורכדרינגענדיק און מיט געניטן קוק, מיט מעווינעס און מיט פארשטאנד



מיט דורכנעמענדיקן. און לעסאָף און אָפּקוקנדיק, און דערנאָך און אלץ, וואָס געדארפט, דורך זיַין קוק געוויר ווערנדיק, האָט א הוסטעלע א שטילס, אן אומיסטנע און פון דער ברוסט ארויסגערופנס, ארויסגעהוסט, און וועגן זיך און וועגן זיַין אָנקומען, וועגן זיַין שטיין און אף דער שוועל געפינען־זיך מוידיִע געווען.

און נישט געהערט, און נישט אָנגעהויבן הערן האָט דער הייליקער דאָס הוסטעלע פון הויקער. איז ער לאנג און א ציַיט נאָך זיך נישט־אויסדרייענדיק און מיטן פּאָנעם צו דער וואנט געשטאנען, פארטיפט און מיט זיַין טפילע פארנומען געווען, פארטון און וואָס הינטער אים טוט זיך נישט געוווּסט; נאָר אז ער האָט געענדיקט, אז ער האָט פאמעלעך און בארוט, ווי פון א וויַיטער און אנדער וועלט אראָפּקומענדיק זיַין קערפּער אף צוריק צו דער הייל און פון זיַין וואַנט אויסגעקערעוועט, אזוי האָט ער פלוצלים און פון דער שוועל דער דרויסנדיקער עפּעס אן אָנקומענדיקס און א נישט־געוויינטס דאָרט־זיַין דערפילט. האָט ער אהין דעם קאָפּ אופגעהויבן, האָט ער אהין א קוק געטון און מיטאמאָל, און אומגעריכט זיך, אף דער טיר און אף דער היילישער דעם הויקער מיט זיַין שטעקן, מיט זיַין שטיין און מיט זיַין שטילקיַיט געטראָפן.

האָט דער הייליקער שטיל און א פּאָר מינוט, ווי נישט צופרידן און פרעמד, נישט פריַינטלעך און נישט גערן באטראכט דעם הויקער, באטראכט און אף דער שוועל נאָך שטייענדיק געקוקט אף אים און אים פונדערוויַיטנס האלטנדיק; צוריק דער הויקער, אפן הייליקן קוקנדיק, האָט נאָך מער זיך איַינגעהויקערט. זיַינען זיי א וויַילע אזוי איינס אנקעגן אנדערן געשטאנען, און דער הייליקער האָט געזאמט, געוואַרט און ווי זיך געקווענקלט; און דאן און נאָכן קווענקלען וויַיניקן האָט דאָך זיך צום הויקער געקערעוועט און פון שוועל אין הייל אים אריַינגעבעטן:

— קום אריַין און טרעט אריבער.

און דער הויקער האָט געפאָלגט, דער הויקער איז די שוועל אריבערגעגאן, און דער הויקער איז אין הייל אריַינגעטראָטן און פארן הייליקן און פאר זיַין היימיש־זיַין מיט זיַין נישט־היימישקיַיט און קליין־געוווּקס געקומען.

— און וואָס וועט זאָגן דער הויקער אין דער מידבער?

נישט געענטפערט און נישט וויסנדיק געמאכט האָט זיך דער הויקער אַף אָט דער פראגע פון הייליקן, האָט ער נאָר שטיל און ווי אן אוירעך אן אָנקומענדיקער פריִער ארום־און־ארום די הייל אַון דאָס היילישע ארומגעזען, די ווענט און די סטעליע, דעם באָדן און דעם שוועל־אריבערטריט באטראכט, די גאנצע צײַט און בעשאס קוקן ווי אן אָרט אף זיך זעצן און אף אראָפּלאָזן זיך געזוכט; און דערנאָך און אלץ באטראכט שוין, האָט זיך מיט די אויגן אפן הייליקנס בעטל אָנגעשלאָגן, און באלד און דאָס דערזעענדיק ווי אף מידקײַט זיך קלאָגנדיק, רעשוס אף אן אָרט דאָרט, אף זיך אראָפּלאָזן און אף א פלאץ פארנעמען געבעטן:

— איך בין מיד און פון וועג פון ווײַטן — האָט דאָס הויקערל געזאָגט.

— זעץ זיך, און ס׳דיר ערלויבט זיך זעצן — האָט דער הייליקער געענטפערט.

און דער הויקער האָט זיך אראָפּגעלאָזט.

— און א טרונק אין דער מידבער קריג איך? — האָט דער הויקער געפרעגט.

— יאָ — האָט אים דער הייליקער געענטפערט און אים באדינען גענומען.

און דער הייליקער איז צו דער שוועל צוגעגאנגען און פון דאָרט די וואסער־קרוג גענומען, האָט ער זי צום הויקער און צו זײַן זיך־אָרט צוגעבראכט, און אין זײַן האנט און, צו זײַן מידקײַט, אף צו טרינקען און אף זײַן דאָרשט צו שטילן זי דערלאנגט.

און געטרונקען און געשלונגען, און נישט אָפּגעשטעלט און נישט אופגעהערט האָט לאנג דער הויקער דאָס וואסער פון קיילע, די גאנצע צײַט דאָס פּאָנעם פארשטעלט געהאלטן, נאָר מיט איין אויג אינעווייניק און מיט אנדערן אף אריבער־און־ארויס געקוקט. און אז ער האָט אָפּגעטרונקען, און אז ער האָט מיט דאנק או דערפרישט צוריק דעם הייליקן די קרוג און שוין נישט געדארפט אָפּגעגעבן, האָט ער צו אים די אויגן און שוין גלײַך צו זײַנע אופגעהויבן, און שוין היימישער און ווי צו־זיך־קומענדיקער, אופגעלייגטער



און פרײַ־זיך־האלטנדיק, נאָר מיט א מיינעלע און א געלעכטערל אים אָט־וואָס א פרעג געטון:

— כע, כע... און וואָס אזוינס האָב איך דאָרט בא דיר געזעען אין קיילע?

— וואָס אין קיילע? — האָט דער הייליקער איבערגעפרעגט און נישט פארשטאנען.

— עפּעס האָב איך דאָרט געזעען טרינקענדיק.

— וואָס געזעען?

— טו א קוק און זע אליין — און דער הויקער האָט דעם הייליקן מיט א האנט אף דער קרוג אָנגעוויזן און אף אינעווייניק און אף דעם וואַסער דאָרט אים ארײַנקוקן געהייסן.

און אז דער הייליקער האָט געפּאָלגט, די קרוג צו זײַן פּאָנעם גענומען, אהין ארײַנגעקוקט און טיף און אין וואסער ארײַן די אויגן געווענדט, אזוי האָט ער פּלוצלים און אין טונקלקײַט דאָרט אָט־וואָס דערזען:

א מידבער און א פארטאָג, ער אף דער זאמד, און זון נאָך אף עק הימל... ס׳איז פאר דעם זון־אופגאנג און פאר איר ארויסווײַזן־זיך, און אלץ אין דער מידבער נאָך שלאָפט און אין נאכט און אין כאָלעם פארזונקען. ליגט ער דאן אין דער מידבער־מיט, ווי באשטענדיק און ווי פארטאָג זײַן שטייגער, גאנץ פרי און מיט אף זײַן מויל זײַן טפילע; ליגט ער און קניט, און אף זײַן קאָפּ איז א הימל נאָך א נאכטישער — א צו נאכט איבערגעגעבענער און א שטילער, און דער הימל איז געעפנט... און דאָס געעפנטע איז טיף, און ווי אין הימל קאָן געבן, און אין טיפן איז א מאלעך־ראָד געמאכט, א גרויסע און קײַלעכיקע, א לעבעדיקע אָבער א שווײַגנדיקע, אן אראָפּקוקנדיקע און א פארגאפטע... און אין דער ראָד, און אינעווייניק, א טײַבעלע דאָרט דרייט זיך, ארום זיך, ארום זויבערקײַט, וואָס מיט קיינעם איז פארנומען, קוקט אראָפּ און קוקט ארוף און פאר מאלאָכים באריִמט זיך, מיט הויך און מיט זיך און מיט אונטן־פארטאָגן, מיט ערד דאָרט און שטיל און מיט ווײַט־ווײַטער מידבער, מיט זאמד נאָך אָן זון און מיט מענטש, וואָס ער קניט דאָרט...

— הא! — האָט דער הייליקער די אויגן פון דער קיילע צוגעכאפּט און אפן הויקערל, אפן בעטל־זיצנדיקן זיי אָנגעשטעלט: — ווער ביסטו?

— אן אוירעך אין דער מידבער — האָט דער הויקער געענטפערט.

— און וואָס געדארפט האָסטו אין דער מידבער?

— צו דיר און צו דייַן כעסעד האָבן.

— און וואָס אזוינס?

— די קינע האָט מיך אופגעגעסן.

— איז וואָס?

— איז דאָס א מייַסע, און דו דארפסט מיך אויסהערן.

— הער איך.

און דער הויקער האָט אָנגעהויבן:

— האָב איך אין גאָט און אין לייַט געגלויבט, האָב איך מיט גוטן מייַן שטראָף און מייַן הויקער געטראָגן, פון מייַן קינדהייַט און פון שטוב ארויס, פון דער יוגנט און אין גאס ארייַנגעקומען.

האָב איך זיך מיט קינדער געשפּילט און פון זיי אָפּגעזונדערט געוואָרן, עלטער געוואָרן, און ע ל ט ע ר ע האָבן מיך אויסגעטיילט. האָב איך זיך קלאָגן אָנגעהויבן, האָב איך זיך דערווייַטערט און מין־האצאד געהאלטן, האָב איך זיך אָפּגעטיילט און אין מייַנע כאוויירימס ווענגן נישט געגאנגען. זייַנען זיי עלטער געוואָרן און מיך פארגעסן, האָבן זיי מיט אלע לעבנס געלעבט און פון צייַט און יוגנט, וואָס געקאָנט, גענומען. פלעגן זיי מיך אמאָל באגעגענען — האָבן זיי מיך נישט געדענקט, בין איך זיי הארט און פאר זייער נאָז געקומען — האָבן זיי אף מיר ראכמאָנעס געהאט.

האָב איך דאָס אלץ צוגעזען און זיי אויסגעמייַדט. בין איך אף זייער סטעזשקע נישט געקומען און מייַן לייד און לאגע נישט געוויזן, האָב איך זיך פארשטעקט און אליין מיר א כאווער געבליבן, האָב איך די נעכט מיט מייַן בעטל און די טעג — מיט פיר ווענט פאברַאכט. האָב איך מיך באטראכט: האָב איך דאָך פון מענטשן און פון עלטערע ווענגן קישעפמאכער און פעלער־היילער



געהערט, האָב איך זיך געקלערט: — איך וועל גיין און איך וועל גיין, און צו זיי וועל איך קומען, און וואָס זיי וועלן פאָדערן — פאר מיר און מייַן לעבן.

בין איך צו זיי געקומען, האָב איך זיי מייַן פעלער און הויקער באוויזן, האָבן זיי מיך געהיילט: פריִער און פון א מינדסטן פינגער מיר בלוט געצאפּט, א טראָפּן און א טראָפּנדל, און געזאָגט און געשפּראָכן, — האָט עס נישט געהאָלפן; האָבן זיי מיך דערנאָך מיט זייער שווארץ־קונץ רויכערן גענומען, האָב איך זיך געלאָזט און אין קעלערס געקראָכן, האָב איך געגלויבט און פאר פייַער־פאנען מיט געווירצן געשטאנען, האָבן זיי מיך גערויכערט און פארויכערט, האָבן זיי מיך דערנאָכדעם צו זיך און פאר א ז יי ע ר ן גענומען. בין איך בא זיי און אף צו דינגען זיי און אין זייערע קעלערס געבליבן, מיט אלט־קעץ און מיט פייגער־הינט און מיט פוילווארג און מיט שמאטעס, מיט לייצים און מיט אָפּגעקראָכענע, מיט געבראָכענע און געבּרעכטע און מיט שיידים און מיט אלטע, און מיט בלינד און מיט פליכעס...

האָב איך זייערע זאכן געטון און געפאָלגט, זייערע באפוילן געהערט און ג ע מ ו ז ט הערן, האָב איך זיי געדינט און בא זיי זיך אויסגעדינט. האָבן זיי מיך לעסאָף צום סאָטן־האר פארקויפט, פאר א רענדל און פאר א פלעדערמויז, אף זייער שוועל א געקילעטער. בין איך אין זייַן רעשוס ארייַן, האָט ער מיט מיר געטון און מיך געפּייַניקט. איז ער זיך מיט מיר מיִעס באגאן און מיך פארומרייניקט, געשענדט און מעטאמע געוועזן און דערנאָך אף מיר געשפּיגן, און לעסאָף בא מיר דאָס הארץ ארויסגענומען, דאָס אף שיידים־מארק פארהאנדלען, און אזוי און מיך באנומען, און אזוי און מיך פארומווערטיקט, אף וועלט און אף וואנדערן מיך אָפּגעלאָזט.

בין איך געגאנגען און געגאנגען, לאנג געשלעפּט זיך און איבער יִישעוון און מענטשן, איז מיר מייַן וועלט און מייַן לעבן נימעס געוואָרן און אויך מייַן שלעפּן־זיך דאָס אומזיסטיקע. האָב איך זיך לעסאָף און פון די יִישעוון ארויסגערוקט און א וועג אין דער מידבער זיך אָנגעפרעגט, און לאנג און נאָך מאטערן־זיך גרויסן אהער און אצינד, צו דיר און צו דייַן הייל געקומען.

— און נו ?

— און איצט אף דיר, אף מײַן אײנציקן, אף דיר און מײַן לעצטע הילף : ביסט גרויס און הײליק, און דער כעסעד איז דײַנער.

— װעל איך פאר דיר בעטן.

— און אז דו װעסט נישט געהערט װערן ?

— איז דאָס פון הימל.

— נײן ! — האָט דער הויקער אָפּגעענטפערט און שטארק און שטרענג אפן הײליקן זײַן קוק אָנגעשטעלט.

— װאָס רעדסטו, הויקער ?

— דאָס װאָס דו הערסט, און דעם רײנעם עמעס.

— פארװאָס ?

— װײַל גרויסע האָבן נישט אזוי געטון.

— װי דען ?

— זיך אויסגעצויגן און אויסגעמאָסטן און דעם טויט אף זיך גענומען.

— איז װאָס װאָלסטו געװאָלט ?

— ביסט גרויס און מעכטיק און קאָנסט דערטראָגן.

— איז װאָס ?

— זאָלסטו אף זיך מײַן הויקער און אומרײנקײַט נעמען און מיר דײַן רײנקײַט און דײַן גלײַכקײַט געבן.

און פארשװיגן און שוין גאָרנישט ניט געענטפערט האָט דער הײליקער דעם הויקער אף די װערטער זײַנע לעצטע. האָט ער נאָר שטיל און ערנסט אף אים די אויגן אָנגעשטעלט און אף אים געקוקט, צוריק דער הויקער אפן הײליקן האָט אָבער דעם קוק נישט אויסגעהאלטן ; און לעסאָף און נאָך קוקן, נאָך לאנגן, און נאָך מעיושעװדיקן נאָך פארשטאנענעם, װער ס'זיצט פאר אים, האָט דער הײליקער זיך װידעראמאָל צו אים געקערעװעט און נאָכאמאָל זײַן ערשטע פראגע איבערגעכאזערט :

— װער ביסטו, הויקער ?

— מיט מײַן פעלער צו דײַן כעסעד געקומען — האָט דער הויקער געענטפערט.

— נישט עמעס — האָט דער הײליקער געזאָגט און באלד צו אים צוגעגאן, אף זײַן אקסל א האנט ארופגעלײגט און מיט גוטן



און דאָך א האר אף אים, שאפנדיק און הײסנדיק, װי זיך מוידע זײַן געהײסן.

און אופגעשטאנען און אופגעשטעלט זיך האָט דער הויקער פון בעטל און פון זיצן לאנגן נאָכן הײליקנס צוגײן און זײַן האנט אף אים ארופלײגן דעמאָלט, איז ער פאר זײַנע פיס און פאר זײַן הײך געבליבן, נידעריק און קלײן און פארן הײליקן, װי פאר װידעצ, און דעם קאָפּ אראָפּגעהאלטן און די אויגן צו דער ערד געזונקען. איז ער אזוי געשטאנען און נישט גערירט זיך, געשװיגן און װי די שטראָף אף זיך גענומען, און אזוי און שטײענדיק און אזוי און שטיל־שװײַגנדיק דאָס װײַטערדיקע און װאָס ס'װעט פאָרקומען װײַטער, װי שוין נישט אויסמײַדן און נישט אנדערש מאכן געקאָנט.

— װער ביסטו, הויקער ?

און דערזעען האָט דער הײליקער, װי שטיל און אומבאמערקט האָט זיך פונעם רוקן אונטן און פון אונטער קלײד ארויס פון הויקער פריִער א פליגל־שפּיץ אן אײנער, א שטעכיקער און א שװארצער, א צעשפרײַזטער און װי פון א ראָב א גרויסע זיך באַװיזן, זיך באװיזן און הענגען געבליבן, נישט אפן אָרט און מע שונע, און װי א שלעפּ־אײװער, און װי ס'מאכט זיך ; און דאן, און א צװײטער האָט זיך נעבן ערשטן און ׳עטװאָס אָפּגעטרעטן ארויסגעװיזן, און שוין א פּאָר, אָבער נישט גלײַכע, נאָר דער ערשטער לענגער, און דער צװײטער קירצער אָנגעזען. האָט זיך פאמעלעך־פאמעלעך און בעשאס פליגל־ארויסװײַזן־זיך דער הויקער פון אונטער דעם הײליקנס האנט און זײַן האלטן אים ארויסגערוקט, נישט געזאָגט און זײַן אקסל באפרײַט, און דער הײליקער האָט אים געלאָזט, און דער הויקער האָט זיך צו דער טיר אװעקגעלאָזט.

איז דער הויקער אזוי צו דער טיר געקומען און שטײן געבליבן, האָט ער א װײַלע אזוי געזאמט און געװארט. האָט ער דערנאָכדעם דעם קאָפּ אף ארויס און האלבן קערפּער, װי אף אינדרויסן א קוק טון, איבערגעבויגן, און געקוקט און לאנג געקוקט, און דערנאָך, און װאָס געדארפט, דאָרט דערזעען.

האָבן זיך באַ אים פּלוצלים די פליגלען פון אונטער קליי באוויזן און אפן הויקער־אָרט ארויס, און מיטאמאָל, און אף דער פלייצע קומענדיק, לעבעדיק און איינס אנטקעגן אנדערן זיך א שטעל געטון, און שוועבנדיק און באַפעדערטע, מעכטיקע און אָנגעדרודלטע און אף ארויספליִען שוין גרייטע. און מיטאמאָל — און א מאך מיט זיי, און דער הויקער האָט זיך פון דער שוועל־שטייענדיק צום אינדרויסן א הייב געטון, און ארויס און אין נאכט דער גרויסער, אין דער הייך און אין דער מידבער אוועק...

און שטיין געבליבן איז דער הייליקער אליין אין הייל דאן נאָכן אָפּפליִען און נאָכן פארשווונדן־ווערן פון הויקער, איבערגעלאָזט און פאר די ווענט פאר זײַנע, אליין און פאר זײַן לעמפעלע אין אָוונט. געשטאנען און נישט גערירט זיך, נישט ארויסגעגאן און וווהין דער הויקער איז אוועקגעפלויגן נישט נאָכגעקוקט, נאָר שטיל און מיט א מאכשאָווע א זײַנער, א שווײַגנדיקער און דערהויבענער, א הייליקער און פון הייליק־שטאמענדיקער, נאָכן טאָג פארגאנגענעם און נאָכן אָוונט פאָרגעקומענעם אליין און אף דער נאכט, און אזוי אין איר צו בלײַבן געבליבן.

## ב.

און יענע נאכט איז פארגאנגען, און דער מאָרגן איז געקומען. און דער הייליקער האָט זיך צו זײַן סיידער און צו זײַן לעבנס־שטייגער גענומען, ווי טאָמיד און ווי אלעמאָל אין די פארטאָגן אף אוועקגיין, אין דער מיט און אין דער מידבער, אף זײַנע טפילעס מיספאלעל צו זײַן, און דערנאָך און אין דער הייל זיך אומצוקערן, און אף פרימאָרגן שוין דאָרט בלײַבן, אף צו טון און זיך ארומקוקן און אפן טאָג זיך דאן פאָרגרייטן, וואָס צום עסן און וואָס צום טרינקען, און א מענטשן וואָס איז נייטיק.

פלעגט ער אין הייל ערשט מיטן זון־אופגאנג זיך אומקערן, פלעגט ער דאן פריִער די ווענט און ארום און אלץ היימישע באַטראכטן, און זיך נעמען און דאָרט צוקלײַבן, און אלץ אין אָרדענונג דאָרט ברענגען, און דאָס בעטל זיך פארבעטן, און אף אָוונט לאָמפּ פארגרייטן. און דערנאָך, און אלץ שוין אָפּגעטון,



פלעגט ער ערשט צו דער שוועל און צו דער טיר דאן צוגיין, פון דאָרט די וואסער־קרוג נעמען און מיט איר פון הייל ארויסגיין, און שטיל און איבער מידבער זוניקער ווײַט צו זײַן קוואל, און וואָס פאר־אים־אליין־נאָר־וויסיקן זיך לאָזן.

און געפונען האָט זיך דער קוואל בא א פעלז און בא א צופוסנס א פעלזישן, אין א גראָבן און צווישן ריטלעך־געוויקסן דאָרט אײַנגעדעקט.

האָט דער קוואל פון א טיף און פון א פארבאָרגעניש אף א זאמד און אף א קלאָרער ארויסגעקוועלט, פון א קאלטקײַט און פון א פארשטעלטקײַט מיט א מויל און מיט א וואסער־מײַלעכל; האָט דאָס וואסערל פּאמעלעך און א ריטשקעלע זיך מאכנדיק, אַף ארויס און פון אונטער פעלז געציורקעט.

פלעגט צו דעם דער הייליקער מיט דער קרוג קומען, פלעגט ער זי אין א גריבל דאָרט־געמאכטן אונטערן ריטשקעלע אוועקשטעלן, אוועקשטעלן און אונטער וואסערל, און אליין פאר דעם שטיין — דאָס אויסווארטן און דערויף קוקן, ווי דאָס וואסער קומט אין קיילע און דאָס וואסער גייט צו וואסער: פריִער צו־ביסלעך און אפן באָדן קלינגענדיק, און דערנאָך אלץ אָנפילנדיקער און מערער. און אז די קרוג איז דערפולט געוואָרן, און אז דאָס וואסער איז שוין איבער די ראנדן אריבער און איבער מויל און גיסנדיק געגאנגען, — אופהייבן און צונעמען פלעגט דאן דער הייליקער די קרוג פון גריבל, מיט איין האנט זי פארן אויער אָנעמען און מיט דער אנדערער פארן באָדן זי אונטערהאלטנדיק, פלעגט ער זיך מיט איר אזוי א ווײַלע נאָך פארן קוואל פארזאמען, פלעגט ער אזוי און מיט איר שטייענדיק אפן קוועלנדיקן קוקן, און שטיל, און אזוי קוקנדיק, קוואל אף ווײַטער קוועלן בענטשן. אָפּגעבענטשט פלעגט ער זיך דאן צום פעלז און צום קוואל מיט דער פלייצע אויסקערעווען, פלעגט ער זיי פארלאָזן און זיך אוועקגיין, און שטיל און מיט א פולער קרוג אהיים און צו זײַן הייל זיך אומקערן.

אהיים געקומען — און אָנבייגן און אראָפּלאָזן פלעגט דאן דער הייליקער די קרוג צו שוועל און אף איר אָרט, ווי טאָמיד, זי אוועקשטעלן און דערנאָך זי אופהייבן און אליין אין הייל ארײַנ־

גיין, און שטיל און נאָך אין הייל און וואָס־מע־באַדאַרף דאָרט צוגרייטן, צו דער סודע און צו דער טאָגעדיקער זין נעמען.

2. פלעגט דער הייליקער אין הייל באַ זיך די קרייטעכצער די אין־דער־מידבער־אָנגעקליבענע באַקוקן, פלעגט ער זיי אַרומרייניקן און איבערקלײַבן, די נישט־גוטע דערווײַטערן, און די גוטע אין אַ זײַט אָפּלייגן. פלעגט ער זיי דערנאָך אין וואַסער און אין אַ שיסל שווענקען, זײַנען זיי ריין געוואָרן, פלעגט ער דערנאָך מיט זיי אין דרויסן אַרויסגיין און אַפן מויל פון הייל קומען, פלעגט ער דאָרט אין אַ גריבל אַ געמאַכטן אַ פײַער צעלייגן, פון גראָזן און פון דער זון פאַרדאַרטע, פון מידבערשע און פון גרינג־ברענענדיקע. האָט ער דערויף די קרײַטעכצער די איבערגעקליבענע, די גוטע און די איבערגעוואַשענע, אין אַ קיילע צוגעשטעלט און אַליין און זיך באַ דעם אַוועקגעזעצט, אַף אַ שטיין און דאָרט פון לאַנג אַוועקגעלייגטן, און דערבײַ אַזוי געזעסן.

3. פלעגט ער שטיל און אַלעמאָל דאָס פײַער פאַריכטן, אונטעררוקן און אַלעמאָל נײַע גראָזן דעם אונטערלייגן, האָט זיך עס צעברענט, אויפגעפלאַקערט און אויפגעפלאַמט און אַרויף און איפּגעגאַן. און דאָס געקעכץ האָט זיך דערויף געקאָכט. און אַז ס׳האָט זיך אָפּגעקאָכט, פלעגט דער הייליקער דאָס פון פאַרטיק־געוואָרענעם און פון פײַער אַראָפּנעמען און אין אַן אַנדער קיילע דאָס איבערליידיקן, פלעגט ער מיט דעם אין הייל אַרײַנקומען, דאָס אַף אַ באַנק אַוועקשטעלן און אַליין זיך וואַשן, און דאַן און זיך אָפּגעוואַשן און וואָס געדאַרפט פאַרן עסן אָפּגעזאָגט. פלעגט צו זײַן סודע און צו זײַן הייליקער זיך אַוועקזעצן.

4. געגעסן און אָפּגעגעסן, פלעגט דערנאָך דער הייליקער מיט די קיילים און מיט קרוג און וואַסער פון הייל אַרויסגיין און זיי איבערוואַשן, זיי איבערוואַשן און אַף דער זון אַוועקשטעלן אַף צו טריקענען זיך און אַפן טאָג דעם גאַנצן, אַליין דאַן און צוריק זיין אומקערן און אין הייל און אַף צו בלײַבן, אַף לאַנג און אַף צו שווײַגן און אַף פיר די ווענט צו קוקן, אַמאָל אַ שאָ און אַמאָל מער און אַזוי מיט זיי פאַרברענגען, און דערנאָך און די הייל פאַרלאָזן און אין גרויסן טאָג צו קומען.



און אַוועקגיין און אָנקומען פלעגט דער הייליקער, אין טאָג אין העלן, אין דער מידבער און צו אַן אָרט אַ באַשטימטן.

5. האָט ער עס אַף אַלע טעג און אַף אַלע טאָמיד פון אַלע ערטער אויסדערווײלט, איז דאָס אָרט העכער פון אַל־אַרומיקן, באַרגיש אָנגעשיט, פאַרקײַלעכיקט און פון זאַמד געמאַכט געוועזן; האָט עס ווי אַן אַלט־ק״וווער אין אַ סטעפּ אַ גרויסן, אַן אוראַלטער און פון קאַדמוינים־פאַרבליבענער, אויסגעזען.

פלעגט צו דעם דער הייליקער אין הייסן טאָג און אין מיטן מיט שטילע שפּאַן און מיט צײַט־האָבנדיקע אונטערקומען, פון זײַן הייל און פון דער ווײַט־ליגנדיקער, דורך דער מידבער און וואָס איז אויפגעראָמט געלעגן, און שטיל און פון קיין לעבעדיקס נישט דערמאָנט געוואָרן, נישט פון קיין בריִע און נישט פון שאָטן קיין בריִעדיקער, נישט פון קיין פויגל און נישט פון קיין דורכפליִענדיקן קיינמאָל.

פלעגט דער הייליקער אַזוי צו יענעם אָרט דאַן צוגיין, צוגיין און זיך פאַר דעם אָפּשטעלן, באַם צופוסנס פון אָנגעשיטן און באַם ברעג דעם באַרגישן, און שטיין און זיך פאַרהאַלטן פאַר דעם אין שטילן, און קוקן און באַטראַכטן דאָס מיט מענוכע. און דאַן, און נאָך באַטראַכטן דאָס באַקאַנטע, פלעגט ער זיך באַ דעם און באַם רויִק־אויסזעענדיקן אַראָפּלאָזן און אַף זײַן אָרט, און אַף זײַן באַשטענדיקן, ווי זײַן שטייגער איז געווען און ווי געוויינט, זיך אַראָפּזעצן.

פלעגט זיך אַמאָל מאַכן: ווי דער הייליקער איז אַזוי באַם באַרג און פאַרטראַכט געזעסן, מיט די אויגן צו דער מידבער געקערעוועט און מיט זײַן קוק אין ווײַטן ערגעץ אַרײַנגעטון, אַזוי פלעגט זיך פון אַ זײַט און פון הינטער אים, פון הינטער באַרג־קײַלעכיקײַט און פון הינטער פאַרשטעלטקײַט דאָרטיקן, אויסגעוואַקסן און אומגעריכט, אַ כאַיע זיך באַווײַזן, אַ גרויסע און אַ שטיל־טאָגעדיקע, אַן אָנקומענדיקע און פון מידבער־שווײַגעדיקײַט פון ערגעץ, און אַזוי מיטן אָנקום אומגעווײנלעכן, און אַזוי מיט שטילקײַט און אומגעריכטקײַט גרויסן, פאַרן הייליקן און פאַר זײַן אָרט זיך דאַן אַוועקשטעלן.

דאָס איז א לייב און א מידבערשער, א זאמד־אײַנוווינער און א לאנגאָנעדיקער געווען, דעם הייליקנס באקאנטער, זײַן טאָג־באזוכער און זײַן פרײַנט דער איינציקער. פלעגט ער צו אים צוקומען, פלעגט ער אים פון הינטער דער זײַט ארויסגיין און פאר זײַן פּאָנעם זיך באווײַזן. פלעגט ער פאר אים שטיין בלײַבן, און אזוי און פאר אים בלײַבנדיק, מיט זײַן שווײַגן און מיט זײַן שטיל־באשטאנד, ווי דעם הייליקנס שוין־דאָרט־לאנג־זיצן, זײַן פון פריִער־קומען און אף אים אויסווארטן, באגריסן; אָפּגעגריסט און אָפּגעשטאנען אביסל — און אונטערקומען פלעגט דאן דער לייב צום הייליקן און צו זײַן זיך־אָרט דעם בארגישן, פלעגט ער זיך בא זײַן זײַט אראָפּלאָזן, א שטילער און א קניִענדיקער, א שווײַגנדיקער און וואָס איז געווינט צו שווײַגן, האָט ער זײַן קאָפּ אף זײַנע פאָדער־פיס אראָפּגעלאָזט, און זײַן קערפּער אף הינטער־פיס און מיט רויִקײַט זיי אונטערגעבויגן, האָט ער זיך אוועקגעלייגט, האָט ער דעם קאָפּ און די אויגן אין דערזעלבער ריכטונג, און וווּהין דער הייליקער האָט געהאלטן, געווענדעט: אין דער מידבער און אין ווײַטקײַט ליגנדיקער, אין טאָגעדיקײַט און מיט בארוטקײַט נישט געשטערטן — נישט פון קיין קאָל און נישט פון קיין קלאנג קיין מינדסטן, נישט פון ארום און נישט פון ערגעץ קומענדיקן.

האָבן זיי אהין געקוקט, און לאנג און שטיל און נישט אופגעהערט, און איינער האָט דעם אנדערן נישט געשטערט, און ביידע זײַנען זיי, ווי דער מידבער, געטרײַ געווען און דעם טאָג און זײַן עלנטקײַט איבערגעגעבן, און ביידע האָבן זיי זיך שטיל געהאלטן, און איינער האָט דעם אנדערנס געדאנקען נישט איבערגעשלאָגן, דער געזעסן און דער געלעגן, און ביידע זיי, ווי איינער, פון גאָר דער וועלט און אויסגעטון און צו דער מידבער נאָר יעכידים, צום באטאָג און צו זײַן איינזאמקײַט און פאר זון נאָר שטילע איידעס. האָבן זיי שטיל און נאָר מיט אויגן געקוקט און צווישן זיך קיין וואָרט נישט גערעדט.

זעלטן־זעלטן, אמאָל נאָר, פלעגן פון לאנגן אין־ווײַטקײַט־קוקן די אויגן אופהייבן און איינער אפן אנדערן זיי אָנשטעלן, פלעגן זיי זיך דאן באטראכטן, דער הייליקער אפן לייב און דער לייב



אפן הייליקן קוקנדיק, און דאן, און נאָכן קוקן אזוינעם, פלעגט דער הייליקער זײַן האנט, וואָס פון דער לייבן־זײַט אופהייבן, און מיט איר אפן לייבס האלדז און אמאל אפן לייבס רוקן קומען, קומען און גלעטן, אפן רוקנס גלאטקײַט און אפן האלדז־באוואקסנקײַט אין שטילן; און אזוי און די האנט דאָרט האלטנדיק און אזוי איבערן לייבס פעל און האָר זי פירנדיק, פלעגט זי דאָרט לעסאָף פארגעסן, און ווײַטער מיט די אויגן צו דער מידבער־ווײַטקײַט זיך ווענדנדיק, פלעגט זי דאָרט פארלאָזן, און שטיל און זי נישט־געדענקענדיק, פארטראכט און שוין אליין נישט־מערקנדיק, פלעגט סטאם און צווישן האָר נאָר, צווישן פעל און באוואקסנקײַט מיט איר בלאָנדזען.

אזוי אמאָל און אזוי פלעגט זיך מאכן, און לייב מיט הייליקן פלעגן זייער צײַט און זייער באשטימטע אָפּזיצן און אין דער מידבער זיך אָנקוקן שווײַגנדיק. און אז זייער צײַט איז אריבער, פלעגן זיי זיך דאן פון זייערע ערטער אופהייבן, זיך אופשטעלן, א ווײַלע נאָך אף די ערטער זייערע בלײַבן, איינער אפן אנדערן און מיט בליקן זייערע זיך נאָך פארהאלטן, א מינוט און צוויי און שטיל אזוי זיך באטראכטן, און דאן און אָפּגעבאטראכט זיך שווײַגנדיק, פלעגן זיי איינס צום אנדערן מיט די רוקנס און מיט די פלייצעס זיך אויסקערעווען, און יעדערער איז זיך זײַן וועג, און יעדערער איז זיך צו זײַן היים אוועקגעגאנגען.

און די טעג פלעגן אוועקגיין און די אפדערנאכטן פלעגן קומען, די נאָך־זוניקע און שוין אויסגעלאָשענע, די האלב־טויטע און פון גאָר דער וועלט פארגעסענע. און די מידבער האָט דאן קיין כײַעס נישט געהאט, אויסער זאמד־בערג אָנגעהויפנט, און פון די בערג האָט מיט וויסטעניש געטראָגן, מיט אָפּגעשלאָסנקײַט און פון א מינדסטן לעבעדיקײַט דערווײַטערט. און די מידבער האָט דאן מיט פארגעסן־לאנד געשוויגן, מיט זאָרג און מיט טויט־מעלוכע.

האָבן זיך אף מײַלן ארום די בערג און די ווײַטקײַטן אָנגעבלאָזן און מיט דאָרטיקײַט און מיט נאכט זיך אײַנגעהילט, מיט ווײַטער און אף אל־דאָרט הערשנדיקער, מיט וויכטיקײַט קיניגנדיקער און אף אלע גרענעצן וואכנדיקער.

איז אף נאכט און אף ארום־און־ארום, אף אלע האָריזאָנטן און קײַלעכיק א הימל דאן געלעגן, פֿון דער מידבער ווי א ווײַט־זיך־האלטנדיקער, און דאָך צו איר א געהערנדיקער. האָט זיך דער הימל דאן ווײַט און איבער אלע עקן אויסגעשפרייט, אין דער מיט און הויך־הויך, און בא די עקן אראָפּגעלאָזט אין דער נידער. איז ער אין דער סאמע מיט מיט שטערן סאך און פֿון פֿארשיידענע גרויס אָנגעזעצט געווען, און אראָפּ און צו די נידעריקײַטן, פֿארבלאָזן און טונקל, און זעלטן ווען פֿון דאָרט מיט א שטערנדל בלאס געפֿינקלט. זײַנען די שטערן, די אין־דער־מיט־לײַכטנדיקע, די גאנצע הימל־לענג ווי מיט א נישט־גלײַכער וועג־סטעזשקע איבערגעגאן און איבערן קאָפּ פֿון דער מידבער מיט א שטילער הויך איבערגעטרעטן.

פֿלעגט דער היילי̇קער אלע אָוונט פֿארן לייגן זיך אהין און צו דער מידבער־מיט און פֿאר דעם שטערן־הויכקײַט קומען, קומען און זיך אוועקשטעלן, און קאָפּ און אויגן אהין אין הויכקײַט אופֿהייבן, און אזוי, און מיט קאָפּ און אויגן אהין געווענדט שטייענדיק, פֿלעגט אף זיך די נאכט און איר שטילקײַט נעמען, און איינער אליין און צו די שטערן זיך דאן איינציקן.

שטיל און לאנג, ער אפֿן א ר ו ף, און דאָס א ו י ב נ ד י ק ע אף זײַן פֿון א ו נ ט ן־שטיין, פֿלעגן די שטערן אף זײַן קאָפּ זייער בלאסלעכקײַט און קאלט־ליכט גיסן, און זײַן פּאָנעם מיט א שײַן, מיט נישט קײַן מענטשלעכער און נישט קיין ערדישער, באלויכטן, איז דער היילי̇קער אזוי איבערגעגעבן און פֿארטון, און פֿון אלעם ארומיקן ארויסגענומען געשטאנען, זײַן אָרט און די צײַט פֿלעגט פֿארגעסן, און די שאָ און דאָס שפּעטקײַט נישט געדענקען. פֿלעגט ער זיך פֿאמעלעך־פֿאמעלעך, אזוי און זיך פֿארגעסנדיק, ווי מיטן הימלשן דאָרט צונויפֿגיסן, דאָס ווײַטקײַט און דאָס דערווײַטערט־קײַט נישט פֿילן, וואָס פֿאר א מעהאלעך און ס'שיידט זיי אָפּ צווישן. פֿלעגט ער דאָרט אלץ היימישער און היימישער ווערן; פֿלעגט ער דאָרט פֿארבלײַבן, אף א שאָ און אף מער, אמאָל אף לאנג און אמאָל אף זייער. נאָר טאָמיד און באשטענדיק פֿלעגט א שטערן־שײַן און א פֿינקל־שווינדל אים אין די אויגן ארײַנקומען און אהין א טרער אָנטרײַבן. פֿלעגט ער זיך אופֿכאפּן, ווי פֿון



ווײַט און ווי פֿון א שלאָף אראָפּקומען, און זיך אופֿוואכן און פֿון זײַן אָרט עטוואָס א גיי טון, פֿלעגט ער פֿון דאָרט אָפּטרעטן און שטיל און ווי פֿונעם ארומיקן זיך אָפּטיילן, און צו זיך, און צו דער הייל צו זײַניקער, אף זיך לייגן און אף דער נאכט פֿארברענגען, אוועקגיין.

אזוי טאָמיד און אזוי קעסיידער, אזוי אלע נאכט און פֿאר די שטערן דער איינציקער, שטיל פֿאר זיי שטיין און שטילער זיך זאמען, און דאן און אין הימל־הויך און דערנאָך און צו דער מידבער זיך אומקערן, צו זיך און צו דער הייל צו זײַנער...

נאָר איין מאָל, אין אן אָוונט אין איינעם האָט זיך מיטן היילי̇קן אָט־וואָס געטראָפֿן:

שטיל און ווי אלעמאָל איז די מידבער דאן מיט איר זאמד און מיט אירע האָריזאָנטן שוין אײַנגעדרימלט געלעגן, נאָכן פֿארנאכטישן און נאָכן פֿארגאנגענעם, נאָכן שטילגעוואָרענעם און לעצטן ליכט אויסגעלאָשן. נאָר ווײַט און אין מײַרעוו־זײַט, אונטן און בא דער ערד דאָרט נידער, איז א שײַן־פּאסיקל פֿונעם זון־פֿארגאנג און פֿון דער ג ע וו ע ז ע נ ע ר פֿארבליבן, א זיך־אויסלעשנדיקס אין א בלייכלעכס, א האלב־טויטס און אָנמעכטיקס, האָט דאָס ליכטיקײַט און דאָס שײַן־פּאסיקל אין מידבער־אָוונטקײַט מיטן לעצטן און מיטן נישער־ביסעלע דערלאנגט, דערלאנגט און נישט די מידבער־מיט באלויכטן, נאָר אפֿן הימל־ברעג און אפֿן שטארק־דערווײַטערטן זיך אופֿהאלטנדיק און געצאנקען, אויסגייענדיק און מיט שפּאָר מיט גרויסן.

איז צו יענער צײַט שוין דער היילי̇קער, און ווי זײַן שטייגער איז געווען, אין דער מידבער און אין דער מיט געקומען, אף זײַן געבעט און אף זײַן באנאכטישן אָפּצוריכטן, און מיט קאָפּ און קוק שוין אין הימל ארײַנגעטון געשטאנען און מיט מאכשאָווע און פֿארטראכטקײַט צו די שטערן און צו די אלץ־זיך־מערנדיקע געווענדט. איז אָט, ווי דער היילי̇קער איז א צײַט שוין דאָרט אזוי פֿארטון געשטאנען, און ווי טאָמיד און ווי זײַן געוויינשאפֿט, פֿון ארום און וואָס דאָרט טוט זיך, נישט געוווסט, אזוי האָט אים פּלוצלים אין פּאָנעם און וואָס צום הימל אופֿגעהויבענעם עפּעס א ווינטל דאן א בלאָז געטון, א ווייענדיקס און פֿון א ווײַט

אָנקומענדיקס, א נישט־געוויינלעכס און וואָס עס מאכט זיך זעלטן, האָט עס אף אים א ווײ געטון; האָט דער הייליקער באלד דעם קאָפּ און ווי אופוואכנדיק פון דער שטערן־הייך צוגענומען, און אף מידבער, און פונוואנען דאָס ווינטל האָט א ווייע געטון, געקערעוועט, האָט ער אהין געקוקט און ווי דאָס ווײַטקײַט נישט דערקענט, לאנג און לענגער אופמערקזאם — און דאן ערשט א פארענדערניש דערזען און באלד פארשטאנען, דאָס דערזעענדיק:

א נײַס און נישט ווי אלעמאָל וועט דאָ זײַן, אן אומגעוויינלעכס, און וואָס עס מאכט זיך זעלטן, וועט דאָ פאָרקומען, און זאָל ער גרייט זײַן און זיך צוגרייטן דעם פאָרקומענדיקן און דעם פאָרשטייענדיקן אנקעגן, און זאָל ער גרייט זײַן און זיך צוגרייטן דאָס נישט־געזעענע און דאָס נישט־בײַגעוועזענע מעקאבל זײַן.

און בעעמעס: —

ווי דער הייליקער איז אזוי פארן ווײַטן און פארן האָריזאָנטישן געשטאנען און מיט אויגן און ארײַנגעטאָנענקײַט צו דעם, וואָס דאָרטן קומט פאָר, געווענדט, אזוי האָט ער באמערקט, ווי ווײַט און אָנרוקנדיק זיך, מיט ערד זיך אויסמישנדיק און מיט פארבלאָזנקײַט פון ווײַטן, האָבן זאמדן אפן האָריזאָנט ווײַט אף מידבער־גרענעץ און אונטער הימל־דאך זיך אָנגעקליבן און שוין א ווײַטע האלבע ערד און הימל־ראָד פארבלאָזן, א שטויבנדיקע און א דרייענדיקע און א באומרויִקנדיקע און אן אופרודערנדיקע; האָבן די ווינטלעך, די דערווײַל אפן האָריזאָנט, זיך האלטנדיקע, געדרייט און געגרייט זיך, נאָר פון דאָרט נאָך נישט ארויסגעגאן און די מידבער־גרענעץ נישט אריבערגעטראָטן, ווי זיך געקווענקלט, און געקײַקלט, געוויקלט און דערווײַל געש רקט זיך אין דער ווײַטקײַט.

האָבן זיך די זאמדן דאָרט פון ווײַט און פון א יענער זײַט ערגעץ אָנקומענדיק, געזאמלט, געזאמלט און אף דער מידבער־גרענעץ זיך אופגעהאלטן, ווי זיך אָפּגעשטעלט און איר פרײַ־פּלאץ באטראכטנדיק, און דערווײַל געווייעט און פון ווײַט נאָך זײַענדיק און זעלטן־זעלטן נאָר פון דער מיט פון זייערער מיט א כאיע־אויג, מיט א בליצנדיקס און מיט א ווילד־פײַערל ארויסגעבליצט.



דאָס זײַנען כײַעס, דערווײַל נאָך אײנציקווײַז, אָנגעקומען און אין זאמד־אָנקום ארײַן, פון דאָרט אף מידבער נאָר א קוק געטון און באלד צוריק זיך אויסגעקערעוועט. ווי אף א קוק צו טון געשיקט אהער, און באלד אף אויסדרייען זיך און אף צוריק ערגעץ א יעדיִע געבן.

האָט זיך אלעמאָל אין ווינטלדיקן און אין פאָרקומענדיקן א גרויסע כאיע און א שטילע כאיע מיט א ברען־און־שארף־קוק זיך באוויזן, ארײַן און פארבײַ דער גרענעץ נאָר דורכגעגאן, מיט א זײַט און פארבײַגייענדיק און באלד צוריק פארשוווּנדן;

האָבן די זאמדן דערנאָך שוין אײנציקע שטויב־דרײדלעך אויך אריבער דער גרענעץ ארויסגעשיקט, אף צו זען און אף צו אויסזען און צוריק זיי קומען זאָגן, ווי ס'האלט די ווײַטע מידבער, צי וועט לאָזן, צי ז'איז גערן, צי זי האָט עפּעס דערקעגן. זײַנען זיי ארויס, האָבן זיי אף דער ערד, וואָס בא דער גרענעץ נאָענטער, אָנגעפרעגט, זי ארומגעשמעקט, און אום איר זאמד־דייע צו וויסן. האָט די ערד דאָרט אײַנגעשטימט און מיט שטויבן זיך געכאווערט, האָט זי צו יענע שטויבן אויך אירע צוגעגעבן און אינײנעם מיט יענע צו דער מידבער זיך געלאָזט.

האָט זיך דאן און פון האָריזאָנט פון ווײַטן א ווינט ארויסגעלאָזט, א גרויסער און א שטארקער, א פליִענדיקער און אף זײַן וועג אלץ־אופהייבנדיקער.

איז ער אף דער מידבער און אף פליגל געקומען — מיט ווינט און מיט זאמדן, מיט שטײַגנדיקײַט און מיט שטויבן גרויסע; האָט ער פארווייעט און פארפּראָשעט אלץ און אויך א גרויסע מידבער־שטיק, וואָס פאר דעם הייליקן איז געלעגן, שוין אופגעהויבן.

האָבן זיך אין זײַן זאמדיקײַט און אין זײַן אופגערודערטן שוין אָפּטער כײַעס באוויזן, זיך ארײַנדרייענדיקע און אף ערטער נישט אײַנשטייענדיקע, און צערודערטע אין מיט אומרויִקײַט מיט גרויסן.

און די ווינט־וואנט האָט געפינצטערט ווינטלדיק, געבלאָזן און געפרײכט־געשטורעמט, און אלעמאָל מיט אן אנדער כאיע זיך באווײַזן אופגעבליצט. האָבן זיך די כײַעס געמערט און

גערינגלט — ארום זיך אליין און איינס ארום אנדערן, ארום רעדער כײַעשע און מיט מאכט־טריט טרעטנדיק.

האָבן זיך לייבן פאָרויס און פארפריִער געוויזן און איינער אַרום איינעם מיט גוורע און מיט לייבן־ראָד זיך גערעדלט, מיט קערפער גרויס און מיט רוקנס אָנגעצויגן און עקן אופגעשטעלט, און מיט קנעפ און ביסל האָר אף קנעפ דאָרטן; האָבן זיך נעבן זיי און בא די פיס בא זייערע טיגערס און לעמפערטן געפלאָנטערט, מיט קעץ־קערפערדיקײַט, שפאַן־לאפעדיק, דעם באָדן שמעקנדיק, און מיט קעפ ארונטער און אויסגעקערעוועט געהאלטן, און געפאָרסקעט און געניסט מיט ערדן, און אלעמאָל ווי א שלוקערץ און א ווילד־פליישיקן ארויסגעלאָזט; און דאן, און נאָך די טיגערס האָבן זיך פלעק־קעץ באוויזן, גרויסע און שווערגופיקע, באדערדיקע און שטרענגע, און מיט פלאם־אויגארויסגעפלאמט, מיט מאכט און מיט זייער מעכטיקײַט און מיט ברען מיט זייערן פון באשטענדיק ברענענדיקײַט; און די פלעקקעץ האָבן זיך אין כאיע־פלאָנטער געפלאָנטעט, אלעמאָל ווי זיך פארטשעפעט און אין עפעס זיך אָנגעשלאָגן, געשטרויכלט געוואָרן און צוריק זיך אופגעשטעלט, און אלעמאָל האָט אן אנדערע זיך פון טרעטן פארהאלטן, דעם קאָפ ארוף און ווי צום הימל פאריסן, און אויסגעשריגן אין גאָר דער וועלט ארײַן, אף מידבער און אף שטורעם אָנקומענדיקן, און מיט ווילד־געשריי פלעק־קעציִשן.

האָבן זיך ארום די קעץ מידבער־וועלפלעך און מידבער־הינט געוויזן, דארע און בייזע, אויסגעהונגערטע און די ביינער זייערע איבערצוציילן, און מיט פארשפיצטע הינט־פיסקעס און מיט וואָיען־קלאָלעס געוואָיעט; און היענעס און נעווײלע־שמעקערס מיט קעפ און העלדזער אף ארוף פאריסענע, מיט זייערע מיִעסע נעז און מיט זייער אויסזען העסלעכן, האָבן געהוילט און קיין נעווײלע נישט געהאט און ווי פון דער מידבער און פון ארומיקן געמאָנט.

האָט זיך דאן פון אלע מיטאמאָל און פון אלע אינײנעם א געמיש און א געדיכטעניש געמאכט, א גרויס און אן אָנגעלאָפנס, אין אינײנעם־זיך־האלטנדיקס און איינס־פון־אנדערן־נישט־אָפשטייענדיקס, און אלע האָבן זיך מיטן אײַנגעלויף און מיטן געדראנג גערוקט, מיט שטורעמדיקן אין מיט ווינט־וואנט און אלץ



נעענטער און נעענטער צו דער מידבער־מיט און צו אין איר שטייענדיקן הייליקן אונטערגעקומען.

און אז דער הייליקער האָט שוין דעם שטורעמס אָנקום, זײַן קאָל און זײַן גענעענען פאַרנומען, און אז דער הייליקער האָט זיך פון אָט דעם פלוצימדיקן שוין פארכאפט געפונען, זיך אויסקערעווען און אויסדרייען געוואָלט, און אן אָרט און א שוץ־אָרט ערגעץ אָפזוכן, — אזוי האָט ער פלוצלים און בא די פיס בא זײַנע עפעס אן אָנרירן דערפילט, און בא דער ערד און בא זײַן באָדן־שטייענדיקן עפעס א לעבעדיקס און ווי א באשעפעניש זיך דאָרט פלאָנטערן: —

דאָס איז דער שלאנג, דער גרויסער און געפלעקטער, דער ווארגער און דער מעסוקענער, מיט זײַן לענג און מיט זײַן אויסגעבייגלטקײַט פאר אים געלעגן און מיט זײַן פלאטש־קאָפ און מיט זײַן פון דער ערד אופגעהויבענעם דעם הייליקן פון זײַן שטיין, פון זײַן פארנומענקײַט און פון זײַן אומגעריכטקײַט געטאָרעט...

— דער שלאנג?! — האָט דער הייליקער, ארויפקוקנדיק, און דעם שלאנג דערזעענדיק, ווי עטוואָס אָפגעטרעטן און זיך פארוווּנדערט: — דער שלאנג?

— יאָ, הייליקער! איך.

— און וואָס טוסטו דאָ?

— צו דיר און מיט א זאך געקומען.

— איצט? אין אזא צײַט און פאר אזא שטורעם?

— טאקע צוליב דעם און צוליב דעם שטורעם.

— וואָס הייסט עס?

— הער מיך אויס: איך בין א געשיקטער.

— פון וועמען?

— פון אָט דעם אלעם, וואָס עס גייט אהער, פון אָט דעם גרויזאמען, וואָס עס רוקט זיך אָן אף דיר.

— אף מיר?

— יאָ, אף דיר, וואָס דו ביסט דער רעכטער איקער. יאָ, צו דיר, וואָס האָסט דאָס גרעסטע שײַכעס.

— איך פארשטיי נישט און הייב נישט אָן פארשטיין.

— ס׳איז לאַנג און אַף דערציילן זייער, אָבער ווײַל ס׳איז קיין צײַט ניטאָ, און דער שטורעם דערנעענט זיך, הער מיך אויס און — בעקיצער.

— איך הער.

האָט דער שלאַנג, אַף שטורעם זיך אומקוקנדיק, אהין די אויגן אָנגעשטעלט, האַלב אהין און האַלב צום הייליקן, און אַלעמאָל געקוקט און אַלעמאָל זיך אומגעקוקט, און אזוי זיך אײַלנדיק און אום נישט צו פארשפעטיקן, און אזוי אַף גיך און דאָס בעקיצער מאַכן וועלנדיק, האָט אָט־וואָס דערציילט:

אַמאָל האָט דורך דער מידבער אַן אַראַבער דורכגעריטן, א שטאַרקער און א ווילדער, א פאַרזינדיקטער און פון זײַן שייוועט אַן אַרויסגעטריבענער, און פאַרשאָלטן און וואָס האָט זײַן היים און יישעוו פאַרלאָזט. האָט ער אין איר לאַנג מיט זײַן פערד און שפּיז געבלאָנדזעט — איבער טעג און איבער זאַמדן, אָן א ציל און אָן א זינען, אָן א וועג און אָן שוין קויעך, און אַף דער זון און אַף דער בראָטנדיקער...

דאָס פערד איז מיד געוואָרן און קאַם מיט די פיס געפלאָנטערט, דער רײַטער איז פאַרשמאַכט געזעסן און דעם קאָפּ און שפּיז שוין אַראָפּ געהאַלטן. און די זון האָט געברענט — אין באַטאָג אָן ראַכמאָנעס, און די מידבער געדאָרשט האָט באַנאַכט אויך פאַר שטערן, און דער רײַטער מיט פערד שוין א צײַט און אָן וואַסער, אָן א קוואַל און אָן אַן אויסגאַנג, אָן הילף און אָן האָפענונג.

און די צײַט איז געגאַנגען, און די קויכעס האָבן זיך אויסגעלאָזט, און די מידבער איז גרויס, אָן אַן עק און אָן א ברעג דאָרט, און קיין נעפעש כוץ זיי, און אַרום און פאַרשלאָסן.

האָבן זיי זיך לעסאָף אין א באַטאָג אַמאָל אין א מיט אָפּגעשטעלט — דאָס פערד אין דער שטיל און דער רײַטער אַף פערד דאַן, און ביידע פאַרלאָזטע פון הילף און פאַרן אויסגיין און ביידע פאַר לעצט און פאַר מידבערשער ווידע... איז דער רײַטער פון פערד אַראָפּגעגאַנגען, צו דעם זיך אָנגעשפּאַרט און דערבײַ געשטאַנען, א שאָ און צוויי און אָנגעלענט און געשוויגן, זײַן קאָפּ אַף פערדס רוקן און מיט לעצטן מיט לעבן, פאַר כּאָווער



פון לאַנג, וואָס איינעם געטיילט האָט זײַן יוגנט מיט אים און זײַן וואַקסן אין שײַוועט, דערנאָך אויך זײַן אויסוווּקס, זײַן פרייד און זײַן ליבע, און דאַן אויך זײַן זינד, וואָס פאַר איר איז פאַרטריבן, אהער אין דער מידבער, און ביז לעצטע מינוטן...

און דער רײַטער האָט מיט פאַרדאַרטע ליפּן און מיט נעשאָמע־לעצטן צום פערד זיך צוגערירט, דאָס א קוש געטון, און אַזוי און אַפן זאַמד, מיטן פּאָנעם אַ ר ו ף, פאַר דער מידבער און פאַר גאָט געפאַלן.

און דערזעען האָט דאָס גאָט פונעם הימל און פון זײַן טאָג־רוען דעמאָלט. האָט ער באַלד פון דער הויך און אין דער מידבער אַראָפּגענידערט, צום אָרט, ווו דער רײַטער איז געלעגן און זײַן פערד נאָך געשטאַנען, האָט ער אַף זיי געקוקט א ווײַלע, געשטאַנען און זיי באַטראַכט נאָר אין שטילן, און באַלד און צו דער מידבער א געשריי געטון: וואַסער!

און אַז די מידבער האָט געזאַמט און זיך א ווײַלע אָפּגעהאַלטן און דערנאָך זיך געשטעלט און בײַ אים א פרעג געטון: פאַרוואָס, האַר מײַנער? פאַרוואָס איז דײַן ראַכמאָנעס אַפן מענטשן, ווי אַף דער מידבער גרעסער? און פאַרוואָס פון מענטשנס זינד פ א ר ה ו י ל ס ט ו דײַנע אויגן און פון דײַן אַלטער קלאָלע אַף מיר נ י ש ט? — האָט אַף איר גאָט אָנגעשריגן און אַזוי געזאָגט:

— קלער נישט נאָך, און פרעג נישט איבער און טו, וואָס מ׳הייסט דיר.

און די מידבער האָט באַלד בײַם געלעגער און צוקאָפּנס פון מענטשן א קוואַל אַרויסגעצויגן, האָט דאָרט פון דער טיף און טייקעף א וואַסער און אַרויסזעצן גענומען. האָט דער מענטש וואָס דערפילט, האָט ער באַלד דעם קאָפּ און צום קוועלנדיקן אויסגעדרייט און זיך געקילט, האָט ער פאַרשמאַכט און מיט אויגן פאַרמאַכטע פון דעם וואַסער געטרונקען און זיי געעפנט, איז ער אויפגעשטאַנען און צו זײַן פערד צוגעגאַנגען, איז ער צוגעגאַנגען און דאָס פאַרן צוימל אָנגענומען, און אויך דאָס צוגעפירט און אויך דעם פערד טרינקען געגעבן.

און גאָט האָט זיך צו דער מידבער געקערעוועט און איר אזוי געזאָגט: „דו האָסט געהערט און האָסט געפאָלגט, האָסט געטון און נישט דערווידערט, איז דערום אצינד אויך דײַן געבעט געהערט געוואָרן, און הער: דײַן הילף וועט פון א מענטשן קומען. און שפעטער, און אז די צײַט וועט קומען, זאָלסטו זען און זיך נאָכפרעגן בא די כײַעס און בא די אויפעס, אף איינעם און אזוינעם, אף א ליבן און א הייליקן, אף מײַן ליבן און מײַן הייליקן — ער וועט צו דיר קומען און בא דיר אין א הייל וווינען".

און די מידבער האָט דאָס אויסגעהערט, און די מידבער האָט דאָס פארדענקט, מיט דאנק און פון האָפענונג דערפרייט, גאָט אין הימל און מיט די אויגן דאן באלייט, רויק און אף צײַטן־לאנג ווײַטער איר גורל און איר באשערטן אף זיך גענומען, און מיט געדולד און מיט שווײַגנדיקײַט אף איר הילף און זיך אויסווארטן רויק.

און זי האָט זיך נאָכגעפרעגט: לאנג און צײַטן־לאנג און נישט אופגעהערט, האָט מען איר נישט איינמאָל אף א מידבער־מענטשן אָנגעוויזן און אים הייליקן אָנגערופן, איז זי צו אים געקומען און גאָרנישט ניט געפויעלט, יאָרן און לאנגע יאָרן און אפן רעכטן געווארט. און אצינד און אז זי האָט זיך אויסדערווארט, האָט זי מיט זיך אלע כײַעס און שלענג און עקדעשן מיטגענומען, אף צו דיר צו גיין און צו דיר קומען, און פאר דיר און פאר דײַנע פיס פאלן, און צו דיר אזוי זאָגן:

— אצינד אָדער קיינמאָל ניט! און איצט מוז איר הילף דאָ זײַן! — און העלפסטו איר נישט און וועסטו זי אצינד פון איר צאר נישט אויסלייזן, אזוי וועט זי איר שוועע ברעכן, אזוי וועט זי מיט כײַעס און זאמדן אף וועלט און אף יישעוון קומען, מיט כורווע און מיט כאָרעוו־מאכן, אף אלע אָרדענונגען און אף אלץ אומצוברענגען, און צוריק און צום אורעלטן, אין טויהו וואָוויהו זיי אומקערן — און אָט גייט זי!

און אז דער הייליקער האָט פון זײַנע פיס און פון שלאנגס דערציילן דעם קאָפ אף מידבער און אף פאר אים אָנקומענדיקן אופגעהויבן און אהין, ווי דער שלאנג האָט אים אָנגעוויזן, א קוק געטון, אזוי האָט ער דערזען:



אײַלנדיק און וויכער־כמארעדיק האָט אין מידבער־הימל א שטורעם און א צעשטרייטער, אן אָנלויפנדיקער און א גיך־גייענדיקער זיך געטראָגן, מיט אײַלעניש און מיט אימפעט, מיט יאָגעניש, און ווי פאר עפעס פארשפעטיקן מוירע האָבנדיק און מיט שטיקער שטורעם און אָפגעריסן, אָפגעטיילט און פאר פריִער פארלאָפענעם.

און ערד פון אונטן איז דעם הימל־גיכקײַט נאָכגעגאן און אויך מיט שטורעמדיקײַט און מיט שטויביקײַט אים נאָכגעלאָפן, און אף גיך און אום נישט צו פארזאמען, אײַלנדיק און פון דעם אייבערשטן נישט אָפצושטיין און אינײנעם און זיך אייסצוגלײַכן און דאָס הימלדיקע נישט אליין און נישט פאר פריִער לאָזן.

זײַנען זיי ביידע אף מידבער און אף מיט ארויס, מיט שנעלקײַט פון מיט גיכקײַט, מיט אימפעט און מיט מוירעדיקײַט זיך טראָגנדיק. און מיט כײַעס און אויך זיי זיך אײַלנדיקע, מיט צעטראָגענע און צעטומלטע, אופגערודערטע און איינס ארום אנדערע ארומלויפנדיקע, און מיט קוילעס שוין איצט דעם הימל שפאלטנדיקע, און איינס דאָס אנדערע מיט ווילד־געשרייען זיך איבערשרײַענדיקע: און לייבן־דונערן האָבן די מידבער און דאָס שטורעם־געיעג געשטורעמט, און לייבן־מאכט־מעכטיקײַט האָבן זיך פון זייערע קראפט־גופים און קוילעס־רוקנס געריסן; און לעמפערטן און טיגערס האָבן די לייבן איבערגעשריגן, און אלעמאָל פון די טיף־בײַכער מיט ערד־טרייסלענדיקע און מיט לופט־דערשיטערנדיקע זיפץ־שלוקערצן ארויסגעשלוקערצט; און פלעק־קעץ האָבן די מײַלער און ביז די אנגלען־שלעסער אופגעריסן און מיט רײַסנדיקע העלדזער און ביז די לונגען ארויס ארויסגערעוועט; נעוויילע־שמעקערס האָבן די קעפ ארוף און צו די הימלען אויבן ארופגעהויבן, און אין זיי קוקנדיק און אין זיי דעם שטורעם זעענדיק און פאר זיך מוירע האָבנדיק, האָבן קוילעס און אף זייער אויפן אף זיי אופגעהויבן; מידבער־הינט און מידבער־וועלף האָבן זיך אלעמען פאר די פיס דאָרט געפלאָנטערט, און הונגעריקע און מיט צאר געוואָיעט; און שלענג און עקדעשן האָבן זיך אין דער לופט צעסווישטשעט, מיט קערפער־בײַטשן זייערע און מיט גיפטן, פון די העכט־מײַלער ארויסגעשטעקט.

זיַינען זיי אזוי אלע שריַיענדיק און איניינעם מיט שטורעם זיך טראָגנדיקע, דול און מעטורעף, מעוולוול און צעמישט איינס ארום אנדערן ארומגעלאָפן, א ראָד געמאכט און א פארדרייטע, א גרויס־געדיכטע און א כיַיעשע, א ביין־רוקנדיקע און איינס־אָן־אנדערן־זיך ריַיבנדיקע, און מיט עקן דאן טיף און צווישן די פיס פארשטעקטע, און מיט קעפּ און קערפּער און ווילדקיַיט און אין אויסגעקרימטקיַיט געהאלטן, און מיט ציין און אויגן אין שטורעם און אין פינצטערניש געשטורעמט. האָבן זיי זיך אזוי אין דער ראָד אין דער דרייענדיקער געטראָגן, געדרייט און אלע ארום אלע און אלע איניינעם און מיט ראָד זיך גערוקט, און אזוי און זיך רוקנדיק, און אזוי און מיט דער גאנצער מאסע זייערער — מיט קומען און מיט קוילעס, מיט קערפּער און געדיכטעניש מיט גרויסן — צום הייליקן און צו דער מידבער, צו זיַין שטיי־אָרט און צו פאר זיַין פּאָנעם געקומען...

— וואָס וויל די מידבער? — האָט דער הייליקער אין שטויב און אין שטורעם, אין פינצטערניש אריַין און אין כאיע־געדיכטעניש אויסגעשריגן.

— אויס מידבער ווערן! — האָט ער א קאָל אן ענטפער דערהערט.

דאָס האָט דער שלאנג זיך וויַיטער פאר דעם הייליקנס פּיס און באשטאנד זיך באוויזן, דעם קאָפּ און א האלבן קערפּער אין דער לופט און אנטקעגן דעם הייליקנס פּאָנעם אופגעשטעלט, און אזוי און מיט גיפט אינדרויסן פאר אלע און פאָר דעם הייליקן־אָנקומענדיקע, פאר אים שטייענדיקע און פאר אים שטורעמדיקע ארויסגעענטפערט: — אויס מידבער ווערן!

און דער שלאנג האָט אפן הייליקן געקוקט און אף זיַין וואָרט און ענטפער געוואַרט:

— הייליקער, מיר ווארטן.

און דאָ האָט דער שלאנג מיטן עק אין דער ערד א קלאפּ געטון, און באלד האָט זיך פארן הייליקן אף א שעטעך א טיַיכלדיקן א וואסערל און א לויטערס, א קלאָרס און א זיך־שפּיגלענדיקס באוויזן, א זיך־קנייטשנדיקס און א בענימעסדיקס צווישן די ברעגעס ליגנדיקס און אין דער וויַיט אוועקגייענדיקס. האָט



זיך דער שלאנג דאן נאָכן טיַיכעלע ארויסרופן און נאָך מער זיך פארן הייליקן אופגעשטעלט, און מיט האכנאָע און מיט כניפע אים אין די אויגן אריַינגעקוקט, און אזוי און אין אים אריַינקוקנדיק, און אזוי אף אים די אויגן אָנגעשטעלט האלטנדיק, אים אָט־וואָס געזאָגט:

— הייליקער, איין וואָרט, און פון דעם וואסערל וועט א טיַיך, און פון די ברעגעלעך וועלן ברעגעס ווערן, און מיט גראָזן און מיט גרינס, און מיט געוויקסן און מיט ביימלעך פארשיידענע, און מיט יישעוו און מיט אלעם יישעוודיקן, און די מידבער איז אויסגעלייזט: — איין וואָרט!

האָט דער הייליקער איין מינוט דעם שלאנג אין פּאָנעם און אין די אויגן געקוקט, נאָך זיַין אָפּזאָגן און נאָך זיַין טאכנונים־קוק און בעטן, האָט ער געזאמט און ווי א יישעוו וויניקן געהאט, געשוויגן און גאָרנישט ניט אָפּגעענטפערט. נאָר באלד און אז די מינוט איז אריבער, האָט דער הייליקער טייקעף זיַינע אויגן אין שלאנגס אויגן אריַינגעטון, און מיט א קאָל מיט א מעכטיקן, מיט א שטים און אף דער גאנצער שטורעם־מידבער קלינגענדיקער, און מיט א וואָרנדיקער און א דראָענדיקער, האָט אָט אזוי א געשריי געטון:

— שלאנג!

— וואָס שלאנג? — האָט דער שלאנג זיך נאָך העכער א הייב געטון און באַם הייליקן א פרעג געגעבן.

— ס'איז ליגן!

— ווער און וואָס?

— דו און די גאנצע מיַיסע דיַינע.

— און ווער וועט דאָס באוויַיזן?

— די מידבער! — און דאָ האָט דער הייליקער זיַין פּאָנעם און אויגן פון שלאנגס פּאָנעם און שלאנגס אויגן צוגענומען, אף שטורעם און אף מידבער, אף כאיע־אָנקום און אף פאר אים שטייענדיקן געווענדט, און מיט זעלבן קאָל און מיט מער נאָך קויעך, מיט זעלבער שטים און מיט מער נאָך שאפנדיקער, האָט צו דער מידבער זיך געקערעוועט און צו איר וואנט און שטורעם־גרויזאמקיַיט אזוי גערופן:

— דעם עמעס, — מידבער!
שטיל און שוויַיגעניש...

— דער עמעס איז בא גאָט און בא זיַין הייליקן אין דער מידבער, — האָט זיך דערנאָך פון אינעווייניק און פון געדיכטעניש א קאָל דערהערט.

און אָפּגעקערעוועט און באַלד זיך אויסגעדרייט האָבן די כיַיעס מיט די רוקנס זייערע אף צוריק און פונוואנען זיי זיַינען געקומען דעמאָלט, שטילע און אונטערגעגעבענע, אנטשוויגן־געוואָרענע און נישט־דערווידערנדיקע, זיַינען זיי אלע מיטאַמאָל און יעדערער באַזונדער זיַין וועג זיך אוועקגעגאַן, — און אָנמעכטיק און ווי אָפּגעשמיסן, אָפּגעלאָזן און פארשעמטע און ווי די קוילעס און די מאכט פארלוירן.

אויך די שטויבן די אָנגעלאָפּענע זיַינען שטיל און שוויַיגנדיק געבליבן און שוין געשטילטע און באַרוטע אויסגעזען. אליין נאָר דער שלאנג, און אף דער העלפט פון דער ערד נאָך אופגעשטעלטער, איז אף זיַין אָרט, און ווי פריִער אופגעשטעלט־געווען געשטאנען, געשטאנען, אָבער זיך שוין שוואך געהאלטן, אָנמעכטיק און אָפּהענטיק און ווי זיך נישט אראָפּלאָזן געקאָנט. און אז דער הייליקער האָט זיך דאן צו זיַין פארלוירן־שטייענדיקיַיט געקערעוועט און אף אים מיט זיַינעם א מוסער־קוק א קוק געטון, — איַינגעשרומפּן און ווי קלענער געוואָרן, זיך איַינהויקערנדיק און ווי נישט בליַיבן־וועלנדיק, האָט זיך דער שלאנג דאן אף צוריק און פון אונטערן הייליקנס קוק ארויסגערוקט, צום טיַיכעלע, פון אים אליין געשאפענעם און איצט שוין אויסגעטריקנטן, זיך צוגערוקט, זיך צוגערוקט און צום נישערל־פארבליבענעם, צום איַינגייענדיקן און אלעמאָל קלענער־ווערנדיקן. און אז דאָס טיַיכעלע איז אינגאנצן נישט געבליבן, און אז פונעם היפשן און וואסערדיקן איז נאָר ווי א שפּעלטעלע און א קליינס געוואָרן, אזוי האָט זיך דער שלאנג דאן גראָד נעבן דעם איבערגעבליבענעם געטראָפן, האָט ער זיך איבער דעם איבערגעבויגן און אהין דעם קאָפּ אריַינגעטון און מיט אים אהין א ר ייַ ן, און דאן, און שוין דאָרט מיטן קאָפּ שטעקנדיק, און דאן, און א וויַילע דאָרט אזוי זיך זאמענדיק, איז דערנאָך אהין אויך מיטן קערפּער אריַינגעקומען,



אריַינגעקומען — און שוין נישט ארויסצוגיין, אראָפּ — און שוין דאָרט אף פארשוווּנדן ווערן אינגאנצן.

## ג.

און צום דריטן מאָל, און ווידער אין אן אָוונט, איז מיטן הייליקן אָט־וואָס פאָרגעקומען:

און געווען איז דאָס אזוי: — ווי דער הייליקער איז דאן אף זיַין אָרט פון זיַינע נאכט־געבעטן אין דער מידבער־מיט אליין און אונטער שטערן־הייך געשטאנען, און ווי ער האָט שוין לאנג זיַין ציַיט און אונטערן הויכקיַיט דאָרט אָפּגעפארבראכט, און קאָפּ און אויגן פון דאָרט שוין צוגענומען, אף דער מידבער און אף פאר־אים־ליגנדיקער זיך ארומצוזען, אף זי צו באַטראַכטן און פארן פאר־שלאָפן אָפּגיין, אף איר א קוק צו טון און פארן אין־הייל זיך אומצוקערן, — אזוי האָט ער דערזעען, ווי וויַיט און פון הינטער א האָריזאָנט ארויס, באם סאמע עק, און ווו ערד און הימל צונויפגייען זיך, האָט זיך דער הימל און פון זיַין פארמאכטקיַיט געעפנט, פאמעלעך און מיט אן עפעניש, מיט אזוינעם און וואָס אין הימלען נאָר מאכט זיך, און מיט אן אָרט, און ווערליק עמעצער זאָל פון דאָרט ארויסגיין קאָנען, אָבער מיט אַ שמאָלן און פון א טיף־געקומענעם. מיט א לאָך־פאָרמדיקן און נישט פון קיין פארנעם קיין גרויסן.

האָט זיך עס אופגעעפנט, איז דאָס פריִער און נישט פארנומען געווען, אינעווייניק און געפינצטערט און נאָר בא די ברעגעס און בא די זוימען ארום איז מיט עפּעס א שיַין א שוואכלעכער, מיט א קאלט־שטערנדיקער און מיט א וויַיסלעכער ארומגעזוימט געווען.

איז דאָס אָרט דאָרט א וויַילע און צוויי ווי איבערגעלאָזט און ליידיק געשטאנען, און קיינער האָט זיך אין דעם נישט מיט קיין קאָפּ און נישט מיט קיין קערפּער באַוויזן, אליין נאָר די שיַין, וואָס בא די זוימען־ברעגעס, האָט זיך געשטארקט און אלעמאָל אלץ ליכטיקער און העלער געוואָרן, און פריִער דאָס אויסווייניקסטע און דאָס ברעגעדיקיַיט מיט ליכטיקיַיט באַלויכטנדיק, האָט אויך דערנאָך אין אינווייניקסטן און אין טיפקיַיט מיט שיַין אריַינגעשיַינט.

האָט זיך אין דער מיט דאן באַשײַנט פריִער א קאָפּ, דערנאָך א האלבער גוף און לעסאָף א קערפּער און א גאנצער זיך באַוויזן, און ארויסגעקומען מיט א שטיל־קומען, מיט א ווײַטן און א הימלדיקן, מיט א דאָרטיקן און ווי פון אן אנדער וועלט א ווײַטער.

האָט דער קאָפּ דאָרט זיך אָפּגעשטעלט און שטיין געבליבן, און פון האָריזאָנט און פון הימל־פענצטערל אופגעעפנטן אף מידבער און אף איר ווײַטקייַט ארויסגעקוקט, אף דער ליידיקער און מיט גאָר־נישט־פארנומענער, אף דער אופגעראָמטער און וואָס קיינער האָט זיך אין איר נישט געפונען דעמאָלט; נישט אין איר ארום און נישט אין איר ערגעץ־קײַלעכיקייַט, נישט אף אירע האָריזאָנטן, און ווו קיין פינטעלע האָט געפינטלט.

האָט דער קאָפּ דאן אזוי די מידבער און איר פוסטקייַט אויסגעזען, האָט ער אָבער פלוצלים דעם הייליקן און אף זײַן אָרט שטיין דערזען: ווי ער שטייט אזוי און צום קאָפּ און צו זײַן האָריזאָנט געקערעוועט, און ווי ער שווײַגט אזוי און שטיל אף קאָפּ די אויגן אָנגעשטעלט האַלטנדיק. האָט דער הייליקער אזוי אפן קאָפּ געקוקט און באטראכט אים פון ווײַטן, און אויך דער קאָפּ אף הייליקן האָט צוריקגעקוקט און פון אים קיין אויג נישט אראָפּגעלאָזט. האָבן זיי זיך אזוי באטראכט: ביידע שטילע, ביידע גלײַכע, ביידע זיך זעענדיקע און איינס צום אנדערן מיט קיין טריט זיך נישט דערנעענדיקע. האָבן זיי זיך אויסגעוואַרט.

האָט לעסאָף און נאָכן אָנקוקן־זיך לאנגן, דער קאָפּ פון הימל־פענצטערל זײַן קוק און זײַנע אויגן פאַר הייליקנס קוקן און הייליקנס אויגן אראָפּגעלאָזט. און דאן, און נאָכן אויגן־אראָפּלאָזן שטילן, און דאן און נאָך אַ ווײַלע אזוי זיך אופהאלטן, האָט דער קאָפּ לעסאָף א פוס און פריִער איינעם פונעם אָרט און פון אין־הימל־אופגעעפנטן ארויסגעשטעלט, און נאָכן ערשטן פוס א צווייטן, און נאָכן צווייטן מיטן דריטן און אויך מיטן פערטן ארויסגעקומען, און שטיל, און אזוי ארויסגייענדיק, דאָס און פונוואַנען ער איז אָנגעקומען, פארלאָזט, און מיט קערפּער און מיט גאנצן זײַנעם שוין אף הימל און אף פרײַען זיך באוויזן.



דאָס איז דער שטערן־בער, דער הימלשער און דער שווײַגנדיקער, דער הימל־שוימער און דער נאכט־דאָרט־היטער געווען. האָט ער זיך מיט זײַן אָנקומען פאר דער מידבער באוויזן און מיט זײַן היטער־באזוך אין הימל־עק אין יענעם, און ווי זײַן שטייגער אין הימל אויבן, האָט אויך אין דער מידבער דאן זײַן שטראל־שטערנדל אין קאָפּ, און אף מויל אים זײַן מויל־שלאָס געטראָגן און, אויך ווי דאָרטן, האָט אויך דאָ ארום זיך און ארום זײַן נאָענטקייַט געדרייט זיך, און מיט זײַן קאָפּ און מיט זײַן מויל־שלאָס און אף באָדן ווי געגנישטערט.

האָט ער זיך אזוי ארום דעם אָרט, און פונוואנען ער איז ארויסגעגאן, ארומגעקוקט, אַרומגעקוקט און זיך ארומגעזען, און וואָס געדארפט דאָרט נייטיק, און דערווײַל נאָך אפן האָריזאָנט און נאָך אונטן זיך געהאלטן, און פון מידבער־הימל און פון זײַן הויכקייַט נאָך נישט געדענקט און נישט געטראכט אפילע.

האָט זיך דאָס אָרט, און פונוואנען ער איז ארויסגעגאנגען דערווײַל זיך לעשן און צומאכן גענומען: פריִער די שײַן, וואָס פון אינעווייניק איז אויסגעגאן, דערנאָך אויך דאָס ליכטיקייַט, וואָס האָט דאָס אופגעעפנטקייַט און דאָס ברעגעדיקייַט באלויכטן. האָט דאָס אָרט פּאמעלעך־פּאמעלעך אלץ אײַנגעשרומפּענער און פינצטערער גענומען ווערן, און געגאנגען און אײַנגעגאנגען און געצאנקען און געלאָשן זיך אויסגייענדיק; האָט זיך עס לעסאָף אינגאנצן אויסגעלאָשן, האָט זיך עס דערנאָך אויך אינגאנצן פארמאכט, איז דאָס אָרט שוין פון ארום און פון גאנצן איבעריקן הימל־עק דאָרטיקן מיט גאָרנישט און נישט דערקענט געוואָרן, נישט מיט קיין שײַן און נישט מיט קיין פון פריִער־פארבליבענער, און נאָר ווי דער גאנצער האָריזאָנט און ווי דאָס גאנצע האָריזאָנטישע געפינצטערט. אליין נאָר דער שטערן־בער איז, ווי נאָך זײַן ארויסגיין, אויך נאָכן אָרט־פארמאכן־זיך פארבליבן, און שטיל, און אזוי פארבלײַבנדיק, האָט ווי עפּעס בא איינעם א שטערן זיך פארהאלטן, און אזוי, און זיך פארהאלטנדיק, איז אף יענעם אָרט דאָרט געשטאנען.

אזוי א מינוט און אזוי צוויי, און געשטאנען און נישט גערירט זיך, און פארטראכט, און דעם קאָפּ אראָפּ און צום באָדן

דאָרט אראָפּגעלאָזט, האָט ער אים אראָפּגעהאַלטן און ווי באַדענקט זיך עפּעס בעריש, און געוואַרט און אויסגעוואַרט, און ביז ער וועט פון באַדענקען־זיך זײַנעם צו עפּעס א דערמאָנונג קומען. איז אים לעסאָף דאַן ווי א געדאַנק אין קאָפּ ארײַנגעקומען, האָט ער זיך ווי אָן עפּעס דערמאָנט; האָט ער דעם קאָפּ פון צום־באָדן־אראָפּגעלאָזטקײַט און פון צום־שטערן־קוקן אופגעהויבן און צו מידבער און איר מיט, און צום אָרט, ווו דער הייליקער איז געשטאַנען, א קוק געטון. האָט ער דעם הייליקן, ווי פריִער, און אף זײַן אָרט נאָך געטראָפן, אף זײַן שטילן און אף זײַן אויסוואַרטנדיקן, אף זײַן אליינינקן און אין זײַן מיט אין דער מידבער, האָט ער אים ווײַטער באַטראַכט, באַטראַכט און שטיל געוואַרט, און נאָך א ווײַלע און מיט זײַן קוק אף אים זיך אופגעהאַלטן, און דאַן, און נאָכן אָפּקוקן שטיל, האָט די פּיס און פון זײַן אָרט דאָרט אָפּגעטײלט, האָט ער דעם הימל־עק און דעם האָריזאָנט פאַרלאָזט און ווי מיט דער דײַע צו זײַן הײך, צו זײַן מיט, און וואָס איבערן קאָפּ פון הייליקן, אופצוגיין.

און דער שטערן־בער איז אופגעגאַנגען.

שטיל פון האָריזאָנט פון אראָפּליגנדיקן און פון פאַרוקטקײַט פון דאָרטיקן אף הימל און אף העכערן, אף אופגייענדיקן און אף אויסגעשטערנטן שוין פון אויבן, איז ער שוין אף דער שטערן־סטעזשקע, דער נישט גלײַך ליגנדיקער, דער מיט פלעקן־ליכט באַפלעקטער און מיט שטערן־שטויב באַשפּרענקלטער און באַשאָטענער דאַן געקומען, געקומען און דורך דער סטעזשקע אין הימל ארופגעגאַנגען, און ארוף און אין דער הויך געשפּאַנט, און מיט צײַט און מיט הימל־רויִקײַט מיט זײַנעם, מיט שפּאַנענדיקײַט און מיט בער־געדולד מיט גרויסן, און אויך מיט דרייען־זיך און אלע־מאָל דעם קאָפּ אף אן אנדער זײַט קערעווענדיק, ווי זוכנדיק און אויסזעענדיק, און אף אלץ, וואָס אף וועג און פאַר אים דאָרט ליגנדיקן אכטונג געבנדיק.

איז ער אופגעגאַנגען, איז ער לעסאָף און נאָכן אופגיין פּאַמעלעכדיקן אין הימל און צו זײַן העכסטער הײך געקומען, און דעם הייליקן אפן קאָפּ פּונקט, אף זײַן אונטן־שטיין און אף זײַן מידבערשן, געשטעלט זיך. האָט ער זיך דאָרט אָפּגעשטעלט און



שטיין געבליבן, און נישט גערירט זיך מער און זיך פאַרהאַלטן דאָרטן, און נישט געגאַן שוין מער און מער שוין גיין ווי נישט גערעכנט, — און שטיל און ׳אזוי זיך פאַרהאַלטנדיק, און נאָך שטילער און פון דאָרט שוין נישט אָפּגייענדיק, איז אף לאַנג און אף א צײַט א לאַנגער, ווי אף עפּעס דאָרט טון און אף עפּעס דאָרט אויספירן, פאַרבליבן...

שטיל און אייניקע מינוטן...

און דערזעען האָט דאַן דער הייליקער אפן אָרט, און ווו דער בער האָט זײַנע פעדער־פיס פאַרהאַלטן, ווי שטיל און אין הימל־באָדן האָט זיך א שפּעלטיקל א קליינס אין הויכקײַט און אין הימלשן אופגעעפנט, א פּיצעלע און א מינדסט, און ווערליק א שטראַל, און ווערליק נאָר א שוואַכער זאָל פון דאָרט ארויסשטראַלן קאָנען. האָט זיך טאַקע באַלד און דורך דעם הימל־טונקלקײַט דאָרטיקן א שײַן זיך דורכגעשלאָגן — א שוואַכע און א קאַם־אָנגעזעענע, א בלאַסע און ווי אין שווערקײַט און אין מאַטקײַט געבוירענע. איז זי אזוי פּאַמעלעך און דורך דעם שפּעלטיקל דאָרט דורך, און אף הימל און פאַר מידבער זיך באַוויזן, און מיט ווײַטקײַט און פון הויך־געקומענעם, מיט אָפּגעצערטקײַט און קאַם־זיך דורכגעשלאָגענעם פון הויכן. האָט זי זיך אָבער באַלד און געשטאַרקט אין שפּעלטיקל און דאָס פאַרברייטערט און דאָס צענומען באַלויכטנדיק. און אזוי, און דאָס פאַרברייטערנדיק, האָט פאַר דער מידבער, פאַר דער ווײַט־און־אונטן־ליגנדיקער שוין ווי מיט א מויל און מיט א קוואַלעכל, מיט א ליכטיקן און מיט א לויכטנדיקן זיך אופגעעפנט...

זיך אופגעעפנט, האָבן טאַקע באַלד און פון קוואַלעכל שײַן־טראָפּעלעך און ליכט־קאַפּעלעך קאַפּען גענומען, פריִער קליינינקע און ווייניקע, איינציקע און ווי וואַסער־טראָפּעלעך פּאַמעלעכנדיקע, און געפאַלן און אראָפּגעפאַלן; זײַנען זיי געפאַלן און אראָפּ צו מידבער און באַלד אף וועג און באַלד אף דער מיט זיך אויסגעלאָשן, אראָפּגענידערט און געגאַנגען, און ביז אראָפּ און מיט שײַן זייערער נישט דערגאַנגען; האָבן זיי זיך אָבער אַזוי גייענדיק געשטאַרקט אלץ מער, און אונטערגעקומען און געמערט זיך, און שוין גיכער און ליכטיקער זיך געגאָסן, און דעמאָלט און אין

גאַנג אין זייערן, טראָפּעלעך מיט טראָפּעלעך און אײנײנעם זיך צונויפגעגאָסן; האָבן זיי אַף מידבער און איר מיט־דער־גרויס מיט אַ שײַן־געלויף און מיט אַ פלייץ־ליכט אַראָפּגעפלייצט, מיט אַ מענגעדיקײַט און מיט אַ שטראַלנדיקײַט אַזוינעם, ווי בעשאַס אַ רעגן און ווען ס'איז אַ זון מיט אַ רעגן. האָט זיך אין הימל־קוואַלעכל און הויך־הויך דאָן פריִער עפּעס אַ באַשעפעניש און אַ קליינס זיך באַוויזן, פון ליכט־קוואַלעכל אַרויס און אין ליכט־שטראָם אַרײַן, און זיך דאָרט געטראָפן און זיך געבאָרבלט עפּעס לעבעדיק, און פריִער גאָר שוואַך און קאַם פון אונטן אָנגעזען, האָט אַלעמאָל נאָר פון אונטערן הימל און אין הויכקײַט זיך באַוויזן, און באַלד און נאָכן באַווײַזן זיך דאָרטיקן צוריק זיך אויסגעלאָשן און נישט געבליבן פּלוצלים, און אַזוי איין מאָל, און אַזוי עטלעכע מאָל, האָט נאָר אופגעליכטיקט און אופגעשטראַלט, און באַלד ווידער נישט געבליבן, און באַלד ווידער פון אויג פאַרשוווּנדן...

איז דאָס באַשעפעניש אָבער לעסאָף און שוין אינגאַנצן, שטראַלנדיק און העל־שטראַלנדיק, אַרויס, און שימערירנדיק אין גאָלער ליכטיקײַט, און מיט קעפּעלע אַראָפּ און מיט פיסעלעך אַרוף און אַף אונטן און אַף אַראָפּ־זיך־לאָזן אָנגעגרייט, און פליגעלעך האָבן באַ דעם אַף די פּלייצעלעך געפאָכעט און דערווײַל דאָס געהאַלטן און אופגעהאַלטן פון אויבן. האָט עס אַ ווײַלע און צוויי אַזוי און אונטער הימל און אין איבערגעקערטקײַט זיך נאָך געהאַלטן, האָט זיך עס דערנאָך אויך אַראָפּגעלאָזט; פריִער פון דער הויך און אַף דער לופט־מיט געקומען, דערנאָך אויך פון דער מיט און נידעריקער און אַף אונטן זיך געלאָזט, און געפלויגן און אַלץ אַראָפּ־צו, און וואָס אַמאָל — אַלץ מער און מער און צו דער ערד זיך דערנעענט, — און אַזוי און אין ליכט זיך דערנעענטערנדיק, איז לעסאָף אַף מידבער און אַף ערד, אַף באָדן און אַף זאַמד געקומען, און פאַר הייליקן, פאַר זײַן שטיין, מיט שײַן און מיט העל, מיט ליכט און מיט לויכטנדיקײַט געבליבן.

דאָס איז אַ ליכט־מאַלעכל און אַ שטראַלנדיקס, אַ קליינס און ווי אַ קינד די גרייס, פון הוילער שײַן און פון הוילן שטראַלנדיקײַט געווען, און מיט אַ שמייכעלע אַף די ליפּעלעך און מיט



אַ געלעכטערל אין די אייגעלעך, אין די הימלש קינדערשע; איז דאָס אַזוי און פון דער הויך אַראָפּקומענדיק, פאַרן הייליקן און פאַר זײַן באַשטאַנד געבליבן, און שטיל און פונקט אים פאַר די אויגן אַנטקעגן, און שמייכלענדיק און אַף אים די אייגעלעך אָנגעשטעלט, און אַזוי און זיי אַף אים אָנגעשטעלט האַלטנדיק, און אַזוי און מיט זיי אַף אים און אין זײַנע קוקנדיק, האָט די גאַנצע צײַט אין איין שמייכלען און אין איין ליכט־לעכעלען געהאַלטן

— וואָס לאַכסטו, ליכט־מאַלעכל? — האָט דער הייליקער. צום פאַר אים שטייענדיקן ליכט־מאַלעכל זיך געקערעוועט און געפרעגט.

— פון זיך און פון דיר און פון האַנאָע פון גרויסער, — האָט דאָס מאַלעכל געענטפערט.

— פון וואָס אַזוינס?

— פון דעם, וואָס איך האָב, וווּהין געדאַרפט, געטראָפן, און פון דעם, וואָס באַ אונדז וועט מען צופרידן און פריילעך זײַן.

— ווּ „באַ אונדז”?

— אַפן טײַך די־נור, אַפן טײַך פון פײַער.

— ווער איז דאָרט און וואָס טוט זיך דאָרט?

— האָר מיך אויס, און ביז איך וועל פון פליִען אָפּרוּען. —

און דאָ האָט זיך דאָס ליכט־מאַלעכל פון הויכקײַט און פון אַראָפּנידערן פון הימלדיקן, און פון אָנקומען אָפּאָטעמען גענומען, איז דאָס באַלד פונעם אָרט, ווּ ס'האָט זיך באַם אַראָפּפליִען און צופעליק געטראָפן, אָפּגעגאַן, אָפּגעגאַן, ווי אַ בעסער אָרט און אַ באַקוועמערס זיך אָפּגעזוכט, און ווי פעסטערער און פרײַערער זיך דאָרט אַוועקגעשטעלט. איז דאָס דאָרט שטיין געבליבן, האָט דאָס פריִער דאָס געלעכטערל און דאָס שמייכעלע פון די אייגעלעך און פון די ליפּעלעך איבערגעיין געלאָזט, דערנאָך די פליגעלעך און נאָך אַף די פּלייצעלעך פאָכענדיקע — אָפּרוּען און אײַנשטעלן זיך פון פאָכען. האָבן זיי זיך אײַנגעשטעלט, איז דאָס מאַלעכל דאַן ווי שוין ערנסטער און געזעצטער געוואָרן, האָט עס דאַן די אייגעלעך און שוין אין ערנסטקײַט און אין געזעצטקײַט צום הייליקן געקערעוועט און מיט זיי צו אים און אַרוף אַרופגעקוקט, און אַזוי, און מיט זיי צו אים

ארוף און גלײַך קוקנדיק האָט זיך לעסאָף אָפּגערופן און אזוי געזאָגט:

— און איצטער בין גרייט.

— אף וואָס?

— אף דיר פון אונדז און אונדזערע דערציילן און אויב דו ווילסט און באַגערסט מיך פון אָנהייב ביזן סאָף אויסהערן.

— איך וויל.

האָט דאָס מאלעכל זיך ווי אין א פּאָזע אוועקגעשטעלט, האָט עס א הענטעלע פון פאר דעם בריסטעלע און פאָרויס ארויסגעשטרעקט, האָט דאָס א געשטאלט און ווי פון א שיין־רעדנער באַקומען, האָט עס ווי א מאָשל און א געזאנג אויפגעהויבן, אויפגעהויבן און אזוי געזאָגט:

— באַם טײַך די־נור, באַם טײַך פון פײַער, זיצן אויסגעזעצט, ליגן אויסגעלייגט מאלאָכים טויזנטער. מיט מאכנעס רוען דאָרט...— וואָס זיי טוען דאָרט? — אין טײַך די נור, אין טײַך פון פײַער, ברענען־בראָטן זיך נעשאָמעס זינדיקע, וויי־פארשאָלטענע, וויי־און־ווינדיקע. און באַם ברעג פון טײַך, באַ דעם רויכיקן, באַ דעם ברענענדיקן און באַ דעם בראַנדיקן, גייט א שאמעס אום, א א פארויכערטער. און פון אש פארשווארצט, און פון פּעך פארפּעכט, גייט מיט שטעקן אום, מיט א לאנגן דאָרט, מיט אן אײַזערנעם, ווי א דראָנג די לענג, — גייט אף ברעג ארום, קוקט, גיט אכטונג דאָרט... — אף וואָס? — מאכט אמאָל זיך ווען, א נעשאָמע־זינד גייט פון צאר שוין אויס, פון ווייטיק־לײַדעניש, און פון בראנד און דאָרשט, און האָט קיין אָטעם נישט, בעט און כאלעשט שוואַך, פאר אן אנדערער און פאר גסיסע שוין — פאר א שאָכנטע: עפּשער קאָן זי זי, עפּשער מעגלעך איז, אף זיך צו נעמען זי, אף אירע אקסעלעך, אף זי צו אויפהייבן, אף טײַך און אויבערפלאך, אף לעבן אָפּלעבן, אף דאָרשט צו אָפּפרישן — און י ע נ ע באַשטייט. און נעשאָמע דאן שטעלט אף יענער זיך, אף דער צווייטער גוט, אף דער שכיינע וויל, און מיט קערפּער קומט אף דעם טײַך ארויס, אף דעם אויבערפלאך און אף פרישער לופט. דערזעט דער שאמעס דאן, דערזעט דער שווארצער דאָרט, ווו ער זאָל נישט זײַן, ווי ווײַט נישט אָפּגעגאן,—



קומט און אײַלט אהין מיט זײַן שטעקן באַלד, שטרעקט צום אָרט אים אויס, צום אָרט, ווו אויפגעגאן נעשאָמעס זינדיקע, און... טונקט זיי ביידע אײַן, צוריק אין טײַך ארײַן, צוריק צום פײַער־שאַפט, צו זייער שטענדיקײַט...

— „וואָס־זשע טוען דאָרט מאלאָכים טויזנטער, וואָס־זשע שווײַגן זיי, די באַרמהארציקע, אז זיי זעען עס, פארוואָס־זשע העלפן נישט? צי ס'ארט זיי ניט, צי ס'רירט זיי נישט, יענע לײַדן גאָר, פון די לעבנס דאָרט, יענער טײַך פון צאר, יענע קוואל פון אנגסט — אז זיי זעען אים, פארוואָס פארלעשן נישט?"

— ניין, ס'איז ניט אזוי, ניין, ס'ארט זיי יאָ: — אף דער לענג פון טײַך, אף ביידע בּרעגעס גלײַך, זיצן אויסגעזעצט, ליגן אויסגעלייגט מאלאָכים טויזנטער און צענער טויזנטער, און זיי וויינען דאָרט, און פארגיסן שטיל טרערן עלנטע און אומבאַהאָלפענע, ווײַל העלפן קאָנען נישט: דער טײַך מוז ברענען דאָרט, און שאמעס אכטונג גיט, ער זאָל נישט אויסקילן, ער זאָל נישט אויפהערן, פארקערט, זיך שטארקן זאָל און שטארקער פלאקערן, — מאלאָכים קאָנען נאָר א מינדסט פארגרינגערונג, א לײַכט פארלײַכטערונג — אהין ארײַנוויינען: זיצן, וויינען זיי, טרערן פליסן זיי אין גרויסן פײַער אײַן, וואָס באַ ברעגעס טײַך, און עטוואָס לינדערן, א טראָפּ נאָר מינדערן דעם גרויסן ברען־און־בראַנד, אָבער וואָס קאָן קלעקן עס?

— „איז די אייצע?"

— ס'איז קיין אייצע נישט, ס'איז קיין טרופּע נישט, מאלאָכים קיין מאָל נישט וועלן דאָס נישט בײַקומען, און נ י ש ט קיין אונדזערער, און נ י ש ט קיין הימלשער, און דאפקע אן ערדישער אן אונטן־אײַנוווינער, אז ער וועט אָנקומען, אז ער וועט ווײַזן זיך, — איז מיט איינעם וואָרט נאָר זײַנס, דער טײַך וועט אײַנשטילן, דאָס פײַער אויסלעשן, נעשאָמעס אויסלייזן און שאמעס אָפּטרײַבן, און — דאן אן עק וועט זײַן.

— „און פונוואנען ווייסט מען דאָס?"

— פון הימל און בעקאבאָלע.

— „און ווער גיט דאָס איבער?"

— אן אלטער און געניטער.

— „און וואָס זאָגט ער?"

— אזוי: מאלאָכים ווייסן נישט, מאלאָכים קאָנען נישט, מאלאָכים אָנמעכטיק אַף זיך צו נעמען דאָס, ווײַל מאלעך ווייסט דאָך נישט, און קלאל באגרײַפט דאָך נישט די מאכט פון זינדיקן, די מאכט די מעכטיקסטע, דערום באגרײַפט אויך נישט, דערום באנעמט אויך נישט די גרויס־יעסורים מאכט, דעם גרויסן קויעך — דערום ער ווייסט אויך נישט, דערום פארשטייט אויך נישט, וואָס הייסט פאר אנדערן זיך מויסער־נעפעש זײַן. און מענטשן דאָס קאָנען, און דאָס איז דער איקער.

— „איז דערום?"

— דערום זאָגט אלטער מאן, דערום זאָגט הימל־מאן, אַף ערד מע זוכן זאָל א מענטש אזוינעם דאָרט, א שטילן איינציקן, א ווײַטן אָפּגעשיידט, פון וועלט געזונדערטן; אים זאָל מען נאָכקוקן, אים זאָל מען אויסזוכן, זײַן אָרט געפינען דאָרט, צו אים אָנקומען און קערן זאָל מען זיך, און אים אזוי זאָגן: — דו מענטש, דו הייליקער, דו מענטש, דו איינציקער, מיר האָבן נאָכגעקוקט, מיר האָבן אויסגעזען, דײַן אָרט, דײַן איינס אַף וועלט, דײַן אָרט דאָס הייליקסטע און אויך די מײַסים־דײַן, און אויך דײַן אופירונג, ווי דו פירסט זיך דאָרט, און וואָס דו טוסט אַף ערד, — זײַנען מיר געקומען איצט, זײַנען מיר געשיקט אצינד צו דיר, דײַן הייליקײַט, צו דיר, דײַן גנעדיקײַט, אום דיר צו פאָרלייגן, אום דיר צו פאָרשלאָגן, און דיר צו אָנזאָגן, און דיר אזוי זאָגן: דו ווערסט געפּאָדערט, מענטש, דו ווערסט געזוכט ארויף, אין הימל־הויכקײַט איצט, אַף הימל־זיצונג דאָרט... און זײַן אזוי וועט דאן, אז מענטש וועט פרעגן אײַך: „אַף וואָס געזוכט ווער איך, אַף וואָס געפּאָדערט ווער אין הימל הויכן איצט, און וואָס פאר זכיע האָב?... — זאָלט איר אים ענטפערן, זאָלט איר זיך אָפּרופן, זאָלט איר אזוי צו אים, אים דאן אזוי זאָגן: שוין דוירעס טויזנטער און צענער טויזנטער, אז דער טײַך די־נור, דער פײַער־טײַך, ברענט און ברענט זײַן בראנד, און ברענען הערט נישט אויף, און וועלטן לײַדן דאָרט און גייען אויס פין לייד, און קיינער העלפט זיי נישט, און קיינער העלפן קאָן, נישט מאלאָכים פיל און נישט די מאכנעס גרויס, וואָס זיי רוען



דאָרט, און וואָס זיי וווינען דאָרט, און נישט די טרערן אויך, וואָס פארגיסן שטיל, — און שווארצער שאמעס נאָר, ער היט דאָס פײַער אָפּ, עס זאָל נאָר פלאקערן און זאָל נישט אופהערן, און זאָל נישט אָפּקילן, און זאָל נישט שוואך ווערן, נישט באטאָג — באנאכט, און נישט קיינמאָל נישט, אַף שטענדיק פּײַניקן, אַף שטענדיק אנגסטיקן די לעבנס דאָרטיקע; — און נאָר דו מענטש אַף וועלט, און נאָר דו איינציקער, אז דו ווערסט אָנקומען, אז דו ווערסט דאָס דערזען: דעם טײַך און פײַערשאפט, זײַן גרויסן גענעם־בראנד, און אומגעהײַערקײַט און אומבעראכמאָנעסקײַט, ווי ער ברענט מיט פלאם און ווי ער בלאָזט מיט פעך, מיט רויך און אש גייט זוף, אין הימלס הייך ארײַן, — ווערסטו מיט מאכט דײַן גרויס, פון איינעם וואָרט נאָר דײַנס, פון דײַן ראכמאָנעס ווילד, פון דײַן דערבארמקײַט, דאָס וואָרט א זאָג טון ווערסט, דאָס איין־און־איינציקסטע, און טײַך וועט אײַנשטילן, און גענעם אויסלעשן, און שאמעס באָטל שוין און גאָר מעוווטל דאן, און לעבנס אויסגעלייזט אַף אייביק־אייביקײַט...

— „און נו?"

— און דער מענטש וועט אײַך הערן, און דער מענטש וועט מיט אײַך אופגיין.

— „און דאָס וואָרט?"

— דאָס איז דאָס ליבע־וואָרט, דאָס איז דאָס הייליק־וואָרט, דאָס איז דאָס הייליקסטע, פון זיך צו מאקריוו זײַן.

— „און וואָס דארף ער זאָגן?"

— אזוי: — פאר אלע לײַדנדיקע און פאר אלע אין טײַך זיך־פּײַניקנדיקע, און פאר אל־געוועזן, און פאר אל־וועט־זײַן, פאר אלע צײַטן און פאר אלע דוירעס, איז גרייט און אָנגעגרייט אין טײַך און אין פײַער זיך ארײַנוווארפן — און מער גאָר נישט.

— „און ווער פאָדערט עס דעם קאָרבן?"

— דער שאמעס.

— „און אז נישט?"

— גייט ער פון אָרט נישט אָפּ.

— „און נו?"

— ... האָט מען דערפֿון אין הימל געהערט, אָבער...

— ... האָט מען דערפון אין הימל גערעדט און גערעדט, האָט מען פריִער און פון צווישן זיך א שאָליִעך אף דעם מענטשן אָפּצוזוכן געזוכט, האָט מען אים לעסאָף געפונען. האָט ער יאָרן און לאנגע יאָרן פונעם הימל אף דער ערד אראָפּגעקוקט, טעג מיט נעכט לאנגע בא א הימל־פענצטערל אָפּגעלעגן און די ערד און אירע ווײַטקײַטן אויסגעזען. האָט ער גאָרנישט ניט געזען, האָט ער זיך דערנאָך צו אלע הימל־וויסנדיקע און הימל־געניטע זיך געווענדעט: עפשער ווייסן זיי און עפשער איז זיי באקאנט אזוינער, — אף דער ערד און אן אײַנוווינער, אן איינציקער, א הייליקער, און פון גאָר־דער־וועלט און ארויסגענומענער?" האָבן זיי נישט געוווּסט, האָט ער זיך ווײַטער און אליין און איבער הימלען און ארומבלאָנקען גענומען, אף דער ערד אראָפּקוקן און נישט געפונען דאָרט גאָרנישט, און ווײַטער און צווישן הימל־לײַט זיך אָנפרעגן: און עפשער וועט ער זיך פאָרט דערשלאָגן.

האָט ער זיך אמאָל און אין אן אָוונט אין איינעם, ארומבלאָנקענדיק און אין הימל דאן גייענדיק, מיטן שטערן־בער זיך אָנגעשלאָגן. האָט ער זיך צו אים געקערעוועט: עפשער ווייסט ער, און ער ד א ר ף דאָך וויסן, וואָס אף ערד און אונטער שטעדן טוט זיך. האָט ער אים אויסגעפרעגט, האָט זיך דאן דער שטערן־בער פארטראכט, זיך אָפּגעשטעלט און שטיל געשוויגן, געשטאנען און נאָר מיטן קאָפּ און מיט שטערן אין קאָפּ שטיל די פראגע אויסגעהערט. האָט ער זיך פארקלערט, פארטראכט און ווי באדענקט זיך, געשוויגן און ווי אָן עפּעס דערמאָנען זיך וועלנדיק; האָט ער זיך לעסאָף דערמאָנט, האָט ער מיטן קאָפּ אף יאָ און מיטן שטערן אין קאָפּ אף ג ע וו י ס א שאָקל געטון אן ערנסטן און א בעריִשן, א שווײַגנדיקן און א זיכערן.

האָט זיך דער שאָליִעך אף זײַן ענטפער יענעם פארלאָזט, האָט ער זיך מיט אים איבער הימלען און אף זײַן בערן־וועג גיין געלאָזט, האָט אים דער בער דאן לאנג איבער הימלען און אף נאכטישע געפירט, אף ווײַט־ליגנדיקע און מיט קיין זייכער־שײַן נישט שײַנענדיקע, און מיט פוסט־און־וויסט־אוועקגייענדיקע, און מיט גאָרנישט נישט אָן יישעוו דערמאָנענדיקע.



איז ער מיט אים א נאכט און א צווייטע, און נאָך איינע און נאָך א דריטע געגאנגען, זײַנען זיי לעסאָף און אין דער דריטער נאכט צו איינעם א הימל־עק דערגאנגען, צו א שטילן און א אראָפּליגנדיקן, צו א פארדרימלטן און מיט נאכט פארבלאָזענעם; האָט זיך דער שטערן־בער דאָרט פון גיין פארהאלטן, פארהאלטן און זיך אָפּגעשטעלט, שטיין געבליבן און פריִער דאָס אָרט דאָרט אויסגעזען; האָט ער עס ארומגעשמעקט און ארומגענישטערט און באטראכט און לאנג אזוי, און לעסאָף און נאָכן דרייען־זיך און אויסזען לאנגן, האָט זיך דאן אין הימל און אפן אָרט יענעם שטייענדיקן ווי א פענצטערל און א הימלדיקס זיך אופגעעפנט, א קליינס און וועדליק דער בער זאָל דורך דאָרט ארויסגיין קאָנען, א שמאָלס, און וועדליק דער שאָליִעך זאָל פון דאָרט אַף דער ערד אראָפּקוקן.

איז דורך דאָרט דער בער דאן ארויסגעגאן, דער שאָליִעך דאן נאָך אים און שטיל און פארשטעלט אים נאָכגעגאן, זײַנען זיי פון הימל־עק אף מיט־הימל געקומען, און אף דער הויך און אף דער סאמע הימל־הויכקײַט זיך אָפּגעשטעלט.

האָט דער בער דאן אראָפּגעקוקט און ווי עפּעס געזעען דאָרט פון אונטן, און דער שאָליִעך האָט אויך אהין — אָבער נישט געזען און נישט באמערקט דאָרט גאָרנישט. האָבן זיי א ווײַלע אזוי געוואַרט, געוואַרט און געזאמט זיך, געשוויגן און אלץ אף די ערטער געשטאנען.

האָט זיך אין הימל דאן א ליכט־קוואלעכל געשפּאָלטן, א שײַנענדיקס און א טריפנדיקס, אן אראָפּגיסנדיקס און פארן שאָליִעך אלץ פון אונטן דאָרט באלויכטנדיק, — האָט עס זיך געשפּאָלטן, האָט עס מיט ליכט און מיט קוואלעכל געקוואָלן און מיט שײַן און מיט שטראלנדיקײַט א וועג און אף אונטן געמאכט. האָט זיך דורך דעם וועג דער שאָליִעך און אראָפּ זיך געלאָזט, און אזוי און זיך אראָפּלאָזנדיק און אראָפּגעקומען פון אונטן, און שטיל און אראָפּקומענדיק, האָט דעם הייליקן אף דער ערד אין א באנאכט און אין א מידבער געטראָפן און אין א מיט און אף אן אָרט, אף אן עלנטן און אן אלייניקן דערזעען. — און דאָס אינגאנצן.

— און ?

— און אָט שטייט ער, און אָט איז ער געקומען.

— ווער פאר וועמען ?

— איך פאר דיר. — און דאָ האָט זיך דאָס ליכט־מאלעכל ווידעראמאָל מיט זייַן געלעכטערל און מיט זייַן אייגלדיקן, מיט זייַן פּענימלדיקן און מיט זייַן שיין־שמייכעלע צעשמייכלט, האָט זיך עס צעלאכט און צעלויכטן, צעשייַנט און צעשטראלט אינגאנצן, און שיין און שימעריר און ליכטיקייַט און שטראלנדיקייַט האָבן גיך דעם פון מויל און פון אויגן, פון אלע אייוורימלעך און פון אלע גלידערלעך זיך צעגאָסן.

— וואָס לאכסטו, ליכט־מאלעכל ? — האָט דער הייליקער, דערוף קוקנדיק און דאָס לויכטנדיק זעענדיק, געפרעגט:

— שוין געזאָגט, — האָט דאָס ליכט־מאלעכל שמייכלענדיק געענטפערט. — פון מיר און פון דיר און פון האנאָע פון גרויסער.

— פון וואָס אזוינס ?

— פון דעם, וואָס כ׳האָב מייַן שליכעס דערפילט, פון דעם, וואָס כ׳האָב וואָס באדארפט געפונען, און פון דעם, וואָס מייַן זוכן איז מיט גליק־געפונענעם באקרוינט געוואָרן.

— וואָס רעדסטו, מאלעכל ?

— דאָס, וואָס דו הערסט, הייליקער.

שטיל און א פּאָר מינוט...

— און דייַן באגער ? — האָט דער הייליקער נאָך שווייַגן און אופהאלטן זיך וויניקן צום מאלעכל געקערעוועט.

— נישט מייַנער, נאָר דער הימלשער, — האָט דאָס מאלעכל דעם הייליקנס ווערטער פאריכטנדיק, געענטפערט: — דעם הימלס באגער איז — דיך אהין אצינד ארופנעמען, דיך אהין ארופּ־ברענגען און צום הייליק־הייליקסטן, און צו דעם גרויסן קאָרבן־פּרווו דיך שטעלן.

— און ווו איז דאָס געהערט געוואָרן ?

— אז וואָס ?

— אז מענטשן זאָלן אין הימל אופגיין ?

— אמאָל און אין קאדמוינים.



— ווי ווער ?

— ווי כאנויך און עליאָהו.

— און אין וואָס פאר א זכיִעס ?

— דו האָסט זיי און פארמאָגסט זיי, און אין הימל דאָרט ווייסט מען. — און דאָ האָט זיך דאָס ליכט־מאלעכל און נאָך מער צעלויכטן, האָט זיך עס צעשייַנט און צעשטראלט אף וווּנדער, און דאָס העלקייַט און דער אָפּשייַן דערפון האָט דעם הייליקן און די מידבער ארום דעם הייליקן מיט א ליכטיקייַט און מיט א העלישקייַט באלויכטן.

האָט זיך דער הייליקער און די מידבער ארום אים אין א שיין־שייַן געפונען, אין א ליבער און אין א ליכטיקער, אין א גאָלדענער און ווו אין א זוניקער א גרויסער. האָט זיך דאָס גאָלדנקייַט און דאָס שייַנענדיקייַט געשטארקט און געמערט זיך שטארקנדיק, און געגרויסט זיך און געזוניקט, געלויכטן און שוין אף ווייַטע און אף גרויסע מידבער־שטרעקעס דערלאנגט.

האָט דאָס מאלעכל דאן אין ליכטיקייַט און אין גרויס־געוואָרענעם — אויך אליין אלץ גרעסער און גרעסער ווערן גענומען, אופוואקסנדיקער און אופגייענדיקער און פון א מאלעכל א מאלעך ווערן, האָט עס פון פליגעלעך — פליגלען און פון קערפּערל — א קערפּער באקומען, האָט עס דאן פאמעלעך־פּאמעלעך צום הייליקן אונטערגיין און גענעענען גענומען, און צוגעטרעטן און פריִער ווי מיט א זייַט גערוקט זיך, און דערנאָך זיך אויס־געקערעוועט און מיט פליגלען צעשפּרייטע און צום הייליקן מיט דער פּלייצע זיך אוועקגעשטעלט, ווי גרייט שוין אף אים ארופּ־נעמען, ווי אָנגעגרייט, און זאָל ער זיך אף אים און אף זייַן זיכערקייַט פארלאָזן, און דאָס אָרט אף פּלייצע באם מאלעך האָט שוין שטיל געווארט, און די פליגלען אָנגעברייט און אופ־געשטעלט: און זאָל ער זיך אהין און צווישן זיי זיך ארופּ־לייגן...

האָט ער אזוי געווארט. דער הייליקער פון זייַן זייַט אָבער האָט זיך נאָך אופגעהאלטן, נישט אונטערגעגאן און צו דער מאַ־לעך־פּלייצע נישט גענעענט, און נישט צוגעטרעטן און דאָס אָרט אף פּלייצע נאָך נישט פארנומען.

האָט זיך צו אים דער מאלעך דאן און שוין ווי מיט אום געדולד געקערעוועט, און פון אויסגעדרייטקייט און פון הינטן ארום צו אים מיט א קוק און ווי מיט א בייזלעכן זיך אומגעקוקט: און זאָל ער זיך זעצן, און זאָל ער נישט זאָמען, מ'ווארט אף אים און ווארטן איז קיין צײַט נישטאָ...

האָט זיך אָבער דער הייליקער ווײַטער נישט געאײַלט, און געזאָמט זיך, און אלץ געשטאנען, און אלץ פון זײַן אָרט פון זײַן פריִערדיקן נישט אָפּגעגאן, און נאָר געקוקט און אפן מאלעך די אויגן אָנגעשטעלט געהאלטן, אף זײַן צו אים אויסגעדרייטקייט און אף זײַן צו אים דאן בייזן קוקן.

איז דער מאלעך דאן און ווי נאָך מער בייז געוואָרן, האָט ער זיך פון אָנגעבויגנקייט און פון אויסגעדרייטקייט אופגעשטעלט און שוין צום הייליקן און גלײַך זיך אוועקגעשטעלט, — און אזוי אַון מיט אים שוין פּאָנעם צו פּאָנעם זײַענדיק און אזוי אף אים שוין גלײַך קוקנדיק, האָט זיך צו אים דאן הארט געווענדט און אים אזוי געזאָגט:

— און נו, הייליקער?

— וואָס „נו", מאלעך?

— וואָס זאָמסטו זיך און וואָס פארהאלטסטו מיך?

— פון וואָס?

— פון אין הימל אופגיין און פון דיך אהין ארופּברענגען.

— איך וויל נישט און איך קאָן נישט אופגיין.

— פארוואָס? — האָט זיך דאן דער מאלעך צום הייליקן צוגערוקט, און ווי אף זײַנע רייד זיך פארוווּנדערט און בא אים שטיל געפרעגט.

— ס'איז פאלש און אווידע־זאָרע! — האָט אויך דער הייליקער דאן צום מאלעך צוגעטראָטן, פאר אים הארט און נאָענט זיך געשטעלט, אים אין די אויגן ארײַנגעקוקט, זײַן שטים געהעכערט און אויסגעשריגן: — ס'איז פאלש און געצנדינסט!

— ווער און וואָס?!

— ווער איז דער איידעס דײַנער, מאלעך?! — האָט דער הייליקער דאן דעם מאלעך אינמיטן די רייד איבערגעשלאָגן און בא



אים נאָך מיט מער הארטקײַט און מיט מער שוין שטארקײַט געמאָנט: — ווער איז דער איידעס דײַנער?

— אף וואָס איידעס?

— אף דײַנע רייד און אפן שליכעס דײַנעם.

— מײַן איידעס? — האָט דער מאלעך דאן שוואך און שטאַמלענדיק, ווי איבערגעשראָקן און מיט שטים שוין געפאלענער, און בעיס־מײַסע ארוף און אין הימל קוקנדיק, און מיט די אויגן דאָרט ווי עפּעס נישט זײַנענדיקס זוכנדיק, געענטפערט — מײַן איידעס? דער שטערן־בער, דער... דאָ... אויבן שטייענדיקער.

— ווו און וואָס? — האָט דער הייליקער דאן אויסגעשריגן און דעם קאָפּ ארוף און צום אָרט, ווו דער שטערן־בער האָט זיך באוויזן און דעם ליכט־קוואל אופגעפּנט, אופגעהויבן.

און דערזעען קאָט דער הייליקער, אהין דעם קאָפּ אופהייבנדיק, און הויך און אף אויבן קוקנדיק: ווי קיל און אָפּגעקילט, פארלאָשן און פינצטער האָט דאָס קוואלעכל שוין יענץ, שוין ווי אלע ערטער און איבערן ג א נ צ ן הימל דאן אויסגעזען; איז דאָס אָרט שוין גלײַך ווי אומעטום, פארמאכט און פארשלאָסן, מיט קיין נישער־ליכט און מיט קיין סימען פון געוועזענעם נישט פארבליבן, האָט עס געטונקלט און ווי נאָך גאָרנישט ניט פאָרגעקומענעם געשטאנען, נאָר מיט שטערנדלעך און ארום געשטעלט, און נאָר מיט שטערן־שײַן און שוואך באלויכטן שוין ווי טאָמיד. און אויך פון שטערן־בער איז שוין קיין סימען נישט געווען, און פון זײַן שטאנד און שטיין דאָרט קיין זייכער נישט קיין מינדסטער.

האָט דער הייליקער אפן גאנצן הימל און אף ארום מיט די אויגן אים געזוכט, געזוכט און אויסגעקוקט, און אים נישט געזעען און פון אים קיין דערמאָנונג נישט נעפונען, נאָר ווײַט און אף א האָריזאָנט ערגעץ, אף דער קעגן־זײַט, און אנטקעגן דער, פון וועלכער דער שטערן־בער האָט זיך צום ערשטן אפן הימל ארויסגעוויזן, איז איצט שטיל, און מיטן קאָפּ אין א ווײַטקייט אין א דאָרטיקער, און ווי פארן פארגיין און פארשווונדן ווערן, געשטאנען דאָרט דער בער, געשטאנען און מיטן הינטן צו מידבער־הימל אויסגעקערעוועט, און ווי פאר לעצט און ווי פארן אָפּגעזעגענען־זיך מיט דאנען.

האָט ער זיך דאָרט איצט אזוי געוויזן, האָט ער אזוי און פארן פארגיין פאר דאָרטיקן און זיך נאָך פארהאלטן א ווײַלע, — און אזוי און זיך דאָרט פארהאלטנדיק, און אזוי און דאָרט אויסגעקערעוועט שטייענדיק, האָט פאר דער מידבר און פאר דעם הייליקן געזאמט זיך, און שטיל און אזוי זיך זאמענדיק, האָט פאמעלעך־פאמעלעך צו פארגיין און אײַנגיין, זיך ארויסרוקן און נישט־בלײַבן אָנגעהויבן...

— און וואָס, מאלעך? — האָט זיך דער הייליקער דאן פון צום ווײַטן־בער־קוקן אויסגעדרייט און אף מאלעך און אף פאר אים שטייענדיקן די אויגן געווענדט, — און וואָס ווערסטו איצטער זאָגן?

— וואָס זאָגן?

— אף דעם בער און אף דעם איידעס דײַנעם.

— גאָרנישט... — האָט דער מאלעך שוין פארשעמט און אָפּהענטיק אָפּגעלאָזן און ווי צוריק זיך רוקנדיק, געשטאמלט.

און דערזעען האָט דער הייליקער, אפן מאלעך און נאָך זײַן ענטפער יענעם אף אים קוקנדיק, ווי פאמעלעך־פאמעלעך אײַנגייענדיקער און אויסגעלאָשענער געוואָרן איז אלעמאָל אלץ מער און מער דער קערפער דאן פון מאלעך: פריִער דער קערפער מיט זײַן העלער ליכטיקײַט, דערנאָך אויך די איווורים מיט זײַן קאָפּ און אויגן־ליכטיקײַט האָבן זיך לעשן גענומען, איז ער אלץ טונקעלער און טונקעלער געוואָרן, און קלענער און באנומענער, און אײַנגעשרומפּענער, און אײַנגייענדיקער פון ווײַלע צו ווײַלע.

האָט ער זיך דאן אזוי צוריק גערוקט און ווי צו דער ערד זיך געבויגן, ווי דאָס הימלשע און די אויבן־האשפּאָע פארלוירן און פון קוואל און פון אויבן־קוואל אָפּגעריסן. איז ער אלץ געמינערטער און געמינערטער, אויסגעלאָשענער און פון ליכטווינציקײַט אײַנגעגאן, האָט ער לעסאָף ווי אן ערד־מארע באקומען, ווי אלץ דאָס ערדישע און ארום אים ליגנדיקע, און ווי אלץ ארום און אל־דאָס ערדישקײַט אין דער מידבער.

האָט ער לעסאָף ווי א שערעצל א קליינס, ווי א קריכנדיקס און בא דער ערד זיך־האלטנדיקס אויסגעזען, און מיט א הוי־



קערל אף די פלייצעלעך און מיט א שלאנג־עקעלע און מיט א לאנגס, זיך דעם נאָכשלעפּנדיק.

האָט ער זיך אזוי צו דער ערד און ווי צו איר נאָענטקײַט געטוליעט, געטוליעט און אָן איר זיך געריבן, און לעסאָף אין איר זאמד און איר זאמדיקײַט ווי א גריבעלע אויסגעריבן; איז ער אזוי און נאָך לאנגן רײַבן זיך דאָרט שערעצדיקן אהין ארײַן, שטיל דאָס קערפּערל אינעווייניק ארײַנגערוקט, און מיט קעפּעלע אין דרויסן און נאָך ארויס ארויסגעשטעקט; האָט עס דאָרט אזוי געשטעקט, האָט עס פאר לעצט און פאר אויך־דאָס־קעפּעלע־אהין־ארײַנציִען פון גריבעלע און מיט אייגעלעך נאָך א בלישטשע געטון, מיט א לעצטן בלישטש און מיט א שלאנג־בייזן, און ווי מיט קאס מיט גרויסן און מיט נישט מויכל־זײַן אף פאָרגעקומענעם, און באלד און נאָכן אופבלישטשען מיט אמאָליקן איז ווידער אויסגעלאָשן געוואָרן פלוצלים, און שוין פינצטער און אף אינגאנצן, און מער און שוין נישט צו באווײַזן־זיך מיט אויגן; און אזוי, און נאָכן אויסלעשן־זיך, און אזוי, און נאָכן לעצטן ליכט־אָנקום, האָט שטיל און אויך דאָס קעפּעלע ארײַנגעצויגן, און שטיל און דאָס ארײַנציִענדיק, איז אף מער שוין נישט ארויסצוגיין, און אף מער שוין נישט ארויסצווײַזן־זיך, פארשווונדן.

שטיל און אייניקע מינוטן...

האָט זיך אין הימל און איבערן קאָפּ פון הייליקן א קאָל דאן דערהערט, א קאָל פון דער הויך אן אראָפּגעקומענער, א שטים און צום הייליקן א רופנדיקע. האָט זי דער הייליקער דערהערט, די שטים, האָט ער אף גיך דעם קאָפּ, פון לאנג און פון צום שערעצל אראָפּקוקן, אופגעהויבן, און ארוף און צום הימל אים געווענדט, האָט ער דאָרט דערזעען:

האָט זיך אין הימל אויבן און ווידער און נאָך אמאָל, און איבעראנײַס און א פענצטערל אופגעעפנט, א קליינס און א מילדס, און ווערליק נאָר א קאָפּ און ווערליק עטוואָס נאָך אויסערן קאָפּ זאָל זיך ארויסשטעקן קאָנען, האָט זיך טאקע באלד און אינעם פענצטערל א קאָפּ זיך באוויזן, האָט ער זיך צום הייליקן, און וואָס איז פינקטלעך און אונטער אים געשטאנען, זיך

געקערעוועט, און באלד און זיך צו אים אָנגערופן און דאן און אים אזוי געזאָגט:

— הייליקער, דײַן צײַט אין מידבער איז פארבײַ, דײַן צײַט פון איר ארויסגיין איז געקומען, און זײַ גרייט, און זײַ אָנגעברייט, און נאָך הײַנט באדערנאכט דארפסטו די מידבער פארלאָזן...

און דאָ האָט דער קאָפּ באלד פון פענצטערל א שטעקן מיט א טאָרבע ארויסגעשטעקט, האָט ער זיי ארויסגעלאָזט און פּאמעלעך־פּאמעלעך אף דער ערד און ווי דורך א שנירל זיי אראָפּגעלאָזט. זײַנען זיי לעסאָף און נאָכן אראָפּלאָזן־זיך לאנגן צום הייליקן און צו פאר זײַן אָרט געקומען, און גלײַך און ווי א האנט א פארהוילענע האָט דעם הייליקן און אף זײַן נאָזיר־אָנגעטון שטיל און ווי עפּעס נאָך אָנטוּן גענומען: — די טאָרבע אים אפן רוקן און ארוף אף דער פּלייצע אים ארופגעצויגן, און דעם שטעקן אין זײַן האנט, אין זײַן רעכטער, אין זײַן צוליב־דעם־אופגעהויבענער, ארײַנגעשטעקט:

— גיי...

און אז דער הייליקער האָט דאן זײַנע אויגן צום הימל־קאָפּס אויגן אופגעהויבן און שטיל און מיט קוק נאָר דעם קאָפּ אף „וווּהין?“ א פרעג געטון, האָט זיך פון הימל־פענצטער, פּאמעלעך און א האנט שטיל ארויסגעשטעקט, און דעם הייליקן אף דער מידבער, אף דער ווײַטער און אף דער נאכטישער, אף דער אפן האָריזאָנט־אוועקגייענדיקער און אפן אלאבסן דאָרט אָנגעוויזן:

— אהין...

און שטיל איז דאן די מידבער, נאָכדעם וואָס מיטן הייליקן איז פּאָרגעקומען, געוועזן. שטיל ווי טאָמיד און ווי אין אלע האלבע נאכט, איז די מידבער אויך דאן מיט איר שווײַגנדיקייט און מיט איר אײַנגעדרימלטקייט געלעגן, און מיט אירע הימלעקן מיט די ווײַטפארשלאָפענע און מיט אירע האָריזאָנטן־ווײַטקייטן, און מיט זאמדיקייטן מיט זייערע.

איז דער הייליקער דאן אף זײַן אָרט און ווו דער ליכטמאלעך איז אים פארשוווּנדן געוואָרן, געשטאנען, געבליבן און



איינער אליין, ווי פארלאָזט און עלנט פון אלעם מידבערישן און פון אלעם נאכטישן אין דער מידבער ארויסגענומען, און ווי נישט געדענקט פון קיינעם און נישט דערמאָנט פון ערגעץ, נישט פון דער נאָענט און נישט פון דער ווײַט דער דעמאָלטיקער, ווײַל יעדערער איז זיך דאן ווי מיט זײַנעם פארנומען געווען, מיט זײַן אָרט זײַן אָפּגעזונדערטן און מיט זײַן צײַט דער שפּעטער, און קיינער האָט דעם הייליקן נישט אין זײַן שטיין און נישט אין זײַן פארן אָפּגיין געזעען. אליין נאָר דער קאָפּ, וואָס האָט פון הימל־פענצטערל ארויסגעקוקט, האָט אפן הייליקן די צײַט די גאנצע פון אף אים צו קוקן נישט אופגעהערט, און פון אין אויג אים צו האלטן, און אלץ אונטער זײַן בליק זײַן הימלשן, און אלץ זײַן האנט און אין דעם אלאכסן אויסגעשטרעקט, און אלץ אף דער מידבער און אף דער פריִערדיקער ריכטונג אָנווײַזנדיק.

האָט דער קאָפּ פון הימל־פענצטערל אפן הייליקן געקוקט, און דער הייליקער איז שטיל און פון אונטן געשטאנען און שוין די טאָרבע אף פּלייצעס און דעם שטעקן אין האנט געפילט.

האָט ער נאָר אף א ווײַלע די אויגן פון הימל צוגענומען און אף מידבער און אף איר ארום זיי געווענדעט, האָט ער דאן די מידבער די פון יאָרן אים באקאנטע באטראכט, באטראכט און פארן אָפּגיין באלדיקן, זי אָנגעקוקט, און ווי פארן געזעגענען זיך מיט איר לעצטן.

האָט ער זיך מיט איר אזוי אָפּגעזעגנט: מיט איר גרויס און מיט איר גרויזאמקײַט, מיט איר פון יאָרן אים היימישן און באלד פון אים איבערגעלאָזטן און אים שוין פרעמדווערנדיקן. האָט ער א ווײַלע, און אזוי זיך נאָך אין איר אײַנקוקנדיק, אף זײַן אָרט געזאמט, האָט ער אָבער באלד אין הימל און אָן קאָפּ אים דאָרט אויסווארטנדיק זיך דערמאָנט, האָט ער דאן טייקעף ווידער די אויגן פון דער ערד צוגענומען און ארוף זיי אופגעהויבן. האָט ער ווידער דאָרט דעם קאָפּ און די האנט נאָך אף די ערטער און אף די פריִערדיקע זייערע געטראָפן, האָט ער באלד א גיי געטון און די פיס פון זײַן אָרט

אָפּגעטיילט, האָט ער שטיל און ווּהין די האנט האָט אים אָנגעוויזן, אף מידבּער און אף פון איר ארויסגיין זיך געלאָזט, האָט ער זיך אוועקגעלאָזט, און אזוי און זיך אוועקלאָזנדיק, און אזוי און צום האָריזאָנט און צום אלאכסן שפּאנענדיק, איז שטיל פון מידבּער און פון פּרוּוו פון מידבּער ארויס, און פון יאָרן דאָרט־זייַן און פון יונגע יאָרן אין איר פארבּרענגען, אוועקגעגאנגען.



# אין וואלד.

— „וואָס וויל מען פון מיר? וואָס וויל דאָס שפּילן פון מייַן לעבּן האָבּן? און איך האָבּ דאָך מייַן נעשאָמע געשוואָרן מיט איר אין שטילקייַט צו לעבּן. און געזאָגט האָבּ איך איר: אָט האָסטו דיר א וואלד א ווילדן, מיט פרימאָרגנס און אפּדערנאכטן, מיט שטילע אופשטיינס און נאָך שטילערע באלייגנס, און מיט א הייל און מיט א לעבּן אָן אָפּגעזונדערטן, און כאווערן וועסט זיך נאָר מיט יונגע וועווריקלעך אף בּיימער, מיט בּלינדע מוילוואָרפן אין זייער אונטערגראָבּנס, און אין ליכטיקע פרימאָרגנס וועסטו בּאם בּרונעם וואסער שעפּן און אין פינצטערע אָוונטן מיט די ליפּן דאָס נאכט־געבּעט שעפּטשען, און מיט קיינעם קערסטו זיך נישט אָן, און קיינעם זען בּיסטו נישט מעכויעוו, און קיינער וועט דיר דאָ דייַן רוּ נישט שטערן, און קיינער וועט דיר דאָ דייַן וואלד־לעבּן נישט איבּערשלאָגן.

אזוי האָבּ איך איר צוגעזאָגט און זי האָט מיר געגלויבּט און איז בּאשטאנען, און ווי א טאָכטער האָט זי דעם קאָפּ צו מייַן שויס צוגעלייגט, און איך האָבּ זי געגלעט און בּארוּיִקט: „יאָ, טאָכטער, און יאָ, טאָכטער“, און מיר זייַנען אין וואלד אוועקגעגאן און א צייַט אזוי דאָרט אָפּגעלעבּט, און פלוצלים — אַן אָנשיקעניש: און ווען מ׳דארף נית דעם שפּילער, איז ער דאָ, און ווען מ׳רופט אים ניט, איז ער אויסגעוואקסן, און ווען אין וואלד קיין ווינטן זייַנען ניטאָ, מאכט ער אונדז ווינטן הערן, און ווען קיין רעגן גייט ניט, מאכט ער רעגענען אין וואלד, און אין די רוּיִקע פארטאָגן אונדזער רוּ שטערט ער, און אין די בּאנאכטן אונדז ניט שלאָפן לאָזט; און טאָכטער איז שוין בּאהערשט פון שפּילער, און